בס"ד

# הקריה

Hakiryah

טבת-שבט תשע"ב לפ"ק

131

קרית יואל יצ"ו

0 84577 47945 2

# גרוים שפאנונג און ערווארטונג צום מעמד קביעות מזוזה וחינוך "ביהמ"ד דברי יואל דקיט"ל" אויף פראג בולעווארד

**כ"ק מרן רבינו שליט"א וועט קובע זיין א מזוזה אויפ'ן נייעם ביהמ"ד לשמו ולזכרו פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע - נאך א רינגעלע אין קייט פון בתי מדרשים וואס ווערן אויפגעבויעט אין די לעצטערע יארן אין אלע ווינקלען פון שטאט**

מיט גרויס פרייד און שפאנונג גרייטן זיך די איינוואוינער פון "פראג בולעווארד" און די אומגעגנט, צום עפענונג פון דעם נייעם ביהמ"ד לתורה ולתפלה, וואס איז אויפגעבויעט געווארן אינאיינעם מיט'ן אויפבוי פון די נייע דעוועלאופמענטס אין די געגנט, אין איינע פון די שפרודלדיגע געגנטער אין קרית יואל.

דער ביהמ"ד וועט גערופן ווערן "בית המדרש דברי יואל", על שמו ולזכרו פון רבינו הקדוש זי"ע מייסד הקרי', וואס ווי באקאנט האט דער רבי גערופן זיין הייליגן ספר "דברי יואל", שרייבנדיג דערויף "לשמי ולזכרי". דער באשלוס איבער'ן קריאת השם אויפ'ן ביהמ"ד איז געמאכט געווארן דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א, נאכדעם וואס דער ביז-יעצטיגער ביהמ"ד דברי יואל דקיט"ל אויף סאטמאר דרייוו איז איבערגענומען געווארן דורך איינוואוינער פון די געגנט.

## ביהמ"ד דברי יואל לע"נ מרן רבינו הגה"ק זי"ע

ווי באקאנט דערקענט זיך ב"ה אין אלע געגנטער אין קרית יואל די הרחבת גבולי הקדושה, מיט פרישע דעוועלאופמענטס, וואס צווישן זיי שטייגן ארויס די גאסן פון 'פראג' און 'יואל קליין בולעווארד' וואס עס איז אין די לעצטע תקופה באזעצט געווארן מיט אסאך פרישע איינוואוינער, ווי אויך איז פארענדיגט געווארן נייע בנינים וואס שטייען יעצט צום פארקויפן, און נאך פרישע צענדליגער דירות זענען אונטער קאנסטראקשען.

## דער געברויך פאר א נייעם ביהמ"ד

די ביז יעצטיגע תושבים פון פראג פלעגן זיך באנוצן מיט דעם שכינות'דיגן ביהמ"ד 'אהל פיגא' אויף דראהאביטש דרייוו, אבער אויך דער גרויסער ביהמ"ד אהל פיגא איז שוין קע"ה צר מהכיל, צו קענען אקאמאדירן די אלע נייע תושבים, און איז שוין היינט צו טאגס אנגעפולט עד אפס מקום, און דערפאר איז די שמחה גרויס אז מען גרייט זיך שוין צו עפענען דעם נייעם ביהמ"ד.

## לנצח על מלאכת בית ה'

גלייכצייטיג זענען די איינוואוינער גאר שטארק דאנקבאר פאר דעם דעוועלאופער פון דעם פראיעקט, הרה"ח ר' משה מרדכי מייערס הי"ו, וועלכער האט זיך אוועקגעגעבן מיט געטריישאפט און הארץ אהערצושטעלן דעם ביהמ"ד אויפ'ן בעסטן און שענסטן אופן לתועלת התושבים שיחיו.

טראצדעם וואס דערווייל איז [...] בלויז פארענדיגט געווארן איין בנין [...] אין דעם דעוועלאופמענט, און עס [...] ווערן נאך אויפגעבויעט נאך צוויי [...] בנינים, פונדעסטוועגן האט ר' משה [...] מרדכי נישט געווארט אויפ'ן ענדע פון [...] דעם פראיעקט, נאר אין א בחינה פון [...] "ביכורים" אוועקצוגעבן דאס ערשטע [...]

(פארזעצונג אויף זייט 12)

# הערליכע מסיבת "הכרת הטוב" פאר וואלונטירן פון "חברה מצילי אש" פאר געטרייע ארבייט לטובת תושבי העיר

פארגאנגענעם מוצש"ק פרשת ויחי העעל"ט איז פארגעקומען א איינדרוקספולע מסיבת "הכרת הטוב" צוגעשטעלט דורך די הנהלת הווילידזש, אויסצודריקן א דאנק פאר די צענדליגער איבערגעגעבענע וואלונטירן פון חברה מצילי אש, וועלכע געבן זיך אוועק א גאנץ יאר פאר תושבי קרית יואל והגלילות.

די מסיבה איז פארגעקומען אין זאל פון קרן ויואל משה, וואו עס איז סערווירט געווארן א סעודת מלוה מלכה פאר די געטרייע יונגעלייט, וועלכע האבן די געוואלדיגע זכי' בעז"ה אפצוראטעווען פילע אידישע נפשות, אין צוגאב צו שווערע מיליאנען "ממון ישראל" וואס ווערן בעז"ה אפגעראטעוועט פון פארניכטונג.

דער מעמד איז גע'עפנט געווארן דורך דעם יו"ר האברך החשוב ר' עזריאל שפיצער הי"ו איינער פון די מעמבערס אין חברה מצילי אש, וועלכער האט ארויסגעברענגט דעם ציל פון דעם צוזאמקום צו געבן חיזוק פאר די גאנצע חבריא העוסקים בהצלת ישראל, און צו קענען ארבייטן ווייטער אינאיינעם ארויסצוברענגען דעם קידוש ה' וואס ווערט איבערצייגט זעענדיג דעם מי כעמך ישראל.

## נואם הכבוד: הר"ר אהרן ארי' אייזענבערג שליט"א

דערנאך האט דער יו"ר אויסגערופן דעם חשוב'ן גאסט רעדנער, דער באקאנטער פה מפיק מרגליות הר"ר

(פארזעצונג אויף זייט 9)

נאך איין וואך ארייצושיקן אפליקאציעס פאר מידעלטאון "סעקשען 8 וועיטינג ליסט"

פאר פראגעס און ענטפערס זעט זייט 18-19

## והבית בהבנותו:

# שמחה דקדושה אין שכונת ברך משה - קרית יואל, צו שנעלע פארשריט ביים הקמת ביהמ"ד החדש "ישמח משה דקיט"ל"

**מאסיווער קאמפיין דורך "קרן הבנין" - פאנדרעיזינג קאמיטע" אין שוואונג**

שכונת ברך משה. — די פילצאליגע הונדערטער תושבי שכונת ברך משה בפרט, און חסידי סאטמאר בכלל, קוקן זיך צו מיט פארגעניגן און עונג רוחני צום שנעלן בוי-פארשריט פון הקמת הבית הגדול והקדוש, דעם נייער פראכטפולער בית המדרש החדש "ישמח משה" דקהל יטב לב דסאטמאר אין "שכונת ברך משה", וועלכע רוקט זיך בעז"ה שטארק פאראויס אין די איצטיגע וואכן, און וועט בעז"ה דינען אלס דער צענטראלער ביהמ"ד אין אזא הערליכער און שפרודלדיגער געגנט, תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

דער ביז-איצטיגער ביהמ"ד "ישמח משה" איז שוין צר מהכיל, יעדע עטליכע טעג ציען זיך אריין פרישע תושבים, און מער און מער איינוואוינער זענען זיך קובע מקום אין דעם ביהמ"ד, אזוי אז ס'איז שוין געווארן קריטיש וויכטיג צוצושטעלן א נייעם רחבות'דיגן מקום תורה ותפילה פאר די הונדערטער מתפללים, לומדים, ותושבי השכונה.

אין די לעצטע חדשים האבן טעטיגע עסקני השכונה זיך אריינגעווארפן אין די "קרן הבנין" ארבעט, און בעז"ה האבן זיי באוויזן צו מאכן שטארקע פארשריט אין דעם געביט, און זוכה געווען צו שפאנען פאראויס מיט גרויסע טריט.

דער גאנצער בוי-אונטערנעמונג איז איבערגעארבעט געווארן עטליכע מאל דורך געניטע מומחים, און ווערט געטריי באגלייט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט אין שפיץ פונעם בארימטן בונ"ה עולמות של תורה, כהן שדעתו יפה, הרה"ח ר' אביגדור הכהן ראזענבערג הי"ו, צו קענען פארנוצן יעדעס שטיקל פלאץ לויט די בעסטע מעגליכקייטן, און איבערמידליכע כוחות זענען אריינגעלייגט געווארן אהערצושטעלן דעם בית הגדול והקדוש אויף שענסטן און בעסטן פארנעם.

דער גאנצער ריזיגער שטח הביהמ"ד

(פארזעצונג אויף זייט 12)



# גערהויבענע קביעות מזוזה אויף ׳בית הוראה׳ אין ביהמ״ד ׳אהל פיגא׳ דקהל יטב לב

## מיט באטייליגונג פון כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א - אינאיינעם מיט התמנות פון מורה צדק שליט״א

אין א פרישע רינגעלע אין די קייט פון הרבצת התורה ותפלה אין ביהמ״ד אהל פיגא דקהל יטב לב, אויף דראהביטש גאס, איז אין די פארגאנגענע וואכן פארגעקומען א געהויבענער מעמד קביעות מזוזה אויפ׳ן נייעם בית הוראה בהיכל הביהמ״ד, און א התמנות פון מורה צדק שליט״א.

דער ביהמ״ד אהל פיגא דקהל יטב לב וועלכע איז געבויעט געווארן מיט קוים עטליכע יאר צוריק דורך די הנהלת הקריה, איז אין די קורצע צייט אויסגעשטיגן אלס איינע פון די שענסטע בתי מדרשים אין די שטאט, וואו די איינוואוינער פון די גאסן ארום האבן זיך קובע געווען צום דאווענען און צו שיעורי תורה בבוקר ובערב, אונטער די הדרכה פונעם רב ומו״ץ הביהמ״ד הגה״צ רבי דוד דוב דושינסקיא שליט״א, חדב״ן.

דער רב שליט״א שטייט שוין עטליכע יאר צום דינסט פונעם ציבור לומדי ומתפללי ביהמ״ד מיט׳ן פארלערנען שיעורי תורה, און מחזק זיין אלע שיעורים און כח התפילה אין ביהמ״ד. במשך די לעצטע יארן איז דער רב שליט״א שטארק עוסק בעניני הוראה ביי גדולי הפוסקים ובראשם הגאון הדומ״ץ שליט״א, און עטליכע חדשים איז דער רב געזיצן אויף שימוש ביי הגה״צ אב״ד דקהלתינו הק׳ מאנסי שליט״א, וואו דער מאנסיער רב שליט״א האט סומך ידיו געווען אויפ׳ן רב שליט״א אז ער איז א ראוי לדון ולהורות בדבר ה׳ זו הלכה.

מיט א קורצע צייט צוריק האט מען אנגעהויבן די בוי ארבעט אויפצובויען א ספעציעלן שטיבל פאר א ״בית הוראה״ וואו דער רב שליט״א וועט פסק׳ענען שאלות פאר די אלע אידן מתפללי הביהמ״ד און די תושבים פון די גאנצע געגנט הבאים לדרוש ולבקש בדבר ה׳ זו הלכה. מיט דעם געוואלדיגן כח ההוראה פון זיינע זיידעס די גאונים וצדיקים רבני ירושלים זצ״ל.

דער בית הוראה וואס ווערט גערופן בית משה, איז נתנדב געווארן לע״נ הרה״ח ר׳ משה שעהר ז״ל, מראשי קהלתינו הק׳. און דאס האט גאר שטארק צוגעגעבן צום שלימות פון דעם ביהמ״ד, וואס אצינד וועלן די איינוואוינער קענען פרעגן שאלות ביים רב אין דעם בית הוראה בהיכל הביהמ״ד ווי אויך אינדערהיים אויף פראג בלוו. אין די

(פארזעצונג אויף זייט 23)

## דויערהאפטיגע ״רעילינגס״ אינסטאלירט ביים שארטקאט צווישן העיס קאורט און פארעסט ראוד

אין א שריט צו פארזיכערן בעזרת ה׳ די הונדערטער פיסגייער וועלכע באנוצן זיך טעגליך מיט דעם שטארק באנוצטן דורכגאנג וואס לויפט אריבער פון העיס קארט צו פארעסט ראוד קעגנאיבער עטרת זקנים, האט די ווילידזש אינסטאלירט אן אייזערנעם צוים אז די דורכגייער זאלן זיך קענען אנכאפן דערין אין צייטן ווען עס איז גליטשיג.

דער דורכגאנג ווערט שטארק באנוצט דורך די איינוואוינער אין די געגנט פון די גאסן סקאנעמאנק, פארעסט, ליזענסק, העיס און טעילאר קט. דער שארטקאט איז מיט א צייט צוריק פריש אויסגעפלאסטערט געווארן דורכ׳ן ווילידזש צום צופרידנהייט פון די טעגליכע באנוצער.

ווי באקאנט איז דער ״קרית יואל ווילידזש״ א יחיד במינה מיט די סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט

(פארזעצונג אויף זייט 23)



## האָריקעין-געשעדיגטע בריקל ביים שאָרט-קאָט צווישן אָרשיווע און עיקערס גאַסן איבערגעמאַכט

אין די פאַרגאַנגענע וואָכן איז גענצליך איבערגעמאַכט געווארן דער אדורכגאַנג בריקל וואס איז א טייל פון דעם שטאַרק באנוצטן שאָרטקאָט וואס לויפט דורך די עטליכע גאסן פון העיס, ארשיווע, און עיקערס ראוד, נאָכדעם וואס דאס איז געשעדיגט געווארן ביים פאַרלאָפענעם האריקעין איירין פאַרגאַנגענעם זומער.

דער בריקל וועלכע לויפט אריבער העכער א וואסער אפלויף, איז טיילווייז איינגעפאַלן פון דעם שטאַרקן וואסער שטראָם אין די טעג פון דעם האָריקעין און דער דורכגאַנג איז צושטערט געווארן. די ווילידזש פובליק וואָרקס דעפאַרטמענט האט דאן צייטווייליג פאַרראָכטן דעם וועג, אז מען זאל זיך קענען באנוצן מיט דעם דורכגאַנג.

אצינד האט דער ווילידזש גענצליך איבערגעמאַכט דעם וועג אויף א פערמענאַנטן אופן, וואס וועט זיך בעז״ה האלטן אויף א לאנגן טערמין צום צופרידנהייט פון די פילע איינוואוינער וועלכע באַנוצן זיך מיט דעם וועג מידי יום ביומו.

אין צוגאב צו די סערוויסעס וואס דער ווילידזש שטעלט צו פאַר די איינוואוינער מיט׳ן אויספלאַסטערן און פאַררעכטן די שאָרט-קאָטס וועלכע ווערן טעגליך באנוצט דורך הונדערטער פיס-גייער, טוט די ווילידזש אויך באלייכטן די שארטקאטס כדי צו פארגרינגערן פאר די איינוואוינער מענער פרויען קינדער און צו פארמיידן סכנות׳דיגע פלעצער אין די שטאט.

אגב, איז כדאי צו באמערקן, אז דער דאזיגער געגנט ווערט שטאַרק געפלאגט פון פארפלייצונגען, און די מצילי אש האט שוין אין דעם פארגאנגענהייט דורכגעפירט אסאך רעטונג ארבעט ביי בעיסמענטס און עטליכע מאל שולן אין די אומגעגנט, דורך ארויספאמפען די אנגעזאמעלטע וואסער און אפראטעווען ממון ישראל אין די ווערד פון צענדליגער טויזענטער, די אורזאך

(פארזעצונג אויף זייט 23)



# געריכט אין ווייט פלעינס וועט אנטשיידן וועלכער געריכט זאל אורטיילן איבער די דיסקרימינירענדע וואודבארי זאונינג געזעצן

## אויפ׳ן פארלאנג פון וואודבארי ארויסצושלעפן געפעכט פון סטעיט געריכט

די ווילידזש אוו וואודבארי האט אריינגעגעבן א פארלאנג צום געריכט אז דער קעיס איבער זייערע שווערע זאונינג געזעצן וואס ליגט אין די סטעיט געריכט, זאל אריבערגעפירט ווערן צום פעדעראלן געריכט, א זאך וואס דער סאטערן דיסטריקט געריכט אין ווייט פלעינס וועט אנטשיידן אין די קומענדיגע חדשים.

ווי שוין באריכטעט אין פאריגן נומער פון ׳הקריה׳ איז די הנהלת הקרי׳ לעצטנס געצווינגען געווארן אריינצוגעבן א קלאגע אין געריכט קעגן די זאונינג געזעצן וואס די ווילידזש אוו וואודבארי האט איינגעשטעלט, זינט זיי זענען אנערקענט געווארן אלס א ווילידזש מיט עטליכע יאר צוריק.

דאס איז געקומען נאכדעם וואס די ליסטע פון צרות וואס די איינוואוינער און פירערשאפט פון וואודבארי האבן שוין אויסגעטיילט פאר קרית יואל, האלט שוין אן עטליכע יאר, און עס האלט ליידער אין איין וואקסן. זייער געאגראפישע נאנטקייט צו קרית יואל האט זיי געברענגט צו קוקן מיט א שלעכט אויג אויף יעדעס שטיקל אויסברייטערונג, יעדע נייע שטח, יעדע נייע וואסער קוואל, יעדע נייע ראוד אדער סיידוואק, און אלעס וואס שמעקט מיט הרחבת גבולי הקדושה.

ווי געזאגט איז דער גאנצער ״ווילידזש אוו וואודבארי״, געגרינדעט געווארן מיט׳ן קלארן ציל צו שטערן דעם וואוקס פון קרית יואל. דער ווילידזש איז געגרינדעט געווארן ענדע זומער תשס״ו, נאכדעם וואס די אנטי-קרית יואל העצע האט געברענגט אן איבערוויגנדע מערהייט שטימען פאר ״ווילידזש אוו וואודבארי״, וואס האט ווידער געברענגט צום אויסדרוק דעם ״פן ירבה״ זארג פון קרית יואל׳ס שכנים.

דאס איז געווען מיט א צייט נאכדעם ווען עס איז געלונגען פאר די הנהלת קרית יואל אפצוקויפן דעם שטח פון ״עיס פארם״, איז אנשטאנען א גרויסע ״פן ירבה״ זארג ביי די גוים און וואודבארי, און זיי האבן אנגעהויבן צו טאן פעולות אפצושטעלן דעם וואוקס פון קרית יואל און אונטערצושטעלן פיסלעך. און דאן האבן זיי באשלאסן צו מאכן אן אייגענעם ווילידזש, וויסנדיג אז אזוי ווי לויט די ניו יארקער געזעצן קען מען גרינדן א ווילידזש נאר אין א טאון אבער נישט אינערהאלב אן עקזיסטירנדע ווילידזש, דעריבער וועט מען פארוואנדלען דעם טאון אלס א ווילידזש, און דערמיט וועט פארמיטן ווערן א אידישער ווילידזש אינעם צוקונפט.

אבער מיט׳ן גרינדונג פונעם וואודבארי ווילידזש האבן זיך נישט אפגעשטעלט די העצערייען קעגן קרית יואל. אדרבה, זיי האבן אנגעהויבן אונטערצולייגן פיסלעך פון אלע זייטן, און פרובירט אלע אופנים צו שטערן דעם וואוקס פון די הייליגע שטאט קרית יואל.

איין ביישפיל איז געווען אום זומער פון יאר תשס״ט, ווען וואודבארי האט פרובירט צו שטערן דאס אינסטאלירן צוויי נייע קריטיש-וויכטיגע וואסער טענק אויף חברון ראוד, און שפעטער ווען זיי האבן געוואלט מבטל זיין דעם

(פארזעצונג אויף זייט 23)

# הולכים בערכאות געבן אריין "נאָטיץ און אפּיעל" צו קענען אפּעלירן געריכט אורטייל איבער'ן ווילידזש עקזיסטענץ

## חסידי סאטמאר זענען ווייטער מתפלל שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים

מיט ווייטאג איז אויפגענומען געווארן די ידיעה, אז דעם פאַרגאַנגענעם עש"ק שמות איז אריינגעגעבן געווארן א נאטיץ און אפיעל דורך די לאנגיעריגע הולכים בערכאות, וועלכע האבן געמאלדן פאר'ן געריכט אז זיי ווילן אַפעלירן דעם אורטייל פון דעם ריכטער רעיקאף וואס האט ארויסגעווארפן זייערע קלאגעס קעגן קרית יואל.

ווי באקאנט האט זיך ליידער אפגעשפילט אין די פארגאנגענע חדשים אן אומבא'טעמ'טע פרשה, ווען א גרופע מחרחרי ריב - ליידער מזרע ישראל - האבן אריינגעגעבן א שרעקליכע מסירה אין פעדעראלן געריכט קעגן די שטאט קרית יואל, וואו זיי האבן געפאדערט פונעם געריכט אז מען זאל גענצליך אויפלעזן די ווילידזש און קרית יואל און דאס זאל צוריקגיין אונטער די פירערשאפט פון די טאון און מאנרא.

די אנקלעגער זענען געווען גרייט צוליב זייערע פריוואטע אינטערעסן חרוב צו מאכן די הייליגע שטאט וואס רבינו הקוה"ט זי"ע האט געגרינדעט בשארית כוחותיו און האט זיך אויסגעדרוקט אז ווען נישט קרית יואל האט ער גארנישט אויפגעטון אויף דעם עולם, און זיי האבן זיך נישט צוריקגעהאלטן פון אריינגעבן די ארגסטע קלאגעס קעגן דעם ווילידזש און די הנהלת קרית יואל.

די הנהלת הווילידזש האבן זיך דאן אריינגעווארפן אין דעם קעיס און אויפגענומען געניטע אדוואקאטן וואס זאלן פארטיידיגן די הייליגע שטאט קרית יואל, אין צוגאב צו דעם וואס טויזנטער חסידי סאטמאר איבער די וועלט האבן נאכאנאנד מתפלל געווען אז דער רבש"ע זאל צושטערן זייערע פינסטערע פלענער.

געלויבט השי"ת, דעם פארגאנגענעם נאוועמבער 28 איז געקומען די גוטע נייעס אז דער ריכטער רעיקאף האט אנגענומען דעם פארלאנג פון די ווילידזש אדוואקאטן און האט ארויסגעווארפן דעם קעיס.

בעת דער ריכטער האט ארויסגעווארפן אלע קלאגעס, האט ער אבער געלאזט אפן איין קלאגע איבער דעם קאמיוניטי רום געזעץ, וואס די מוסרים האבן גע'טענה'ט אז דער געזעץ איז בלויז געצילט צו עפענען בתי מדרשים אין די שטאט, און דערפאר איז דאס לויט זיי אומלעגאל. האט דער ריכטער געגעבן די מעגליכקייט אז אויב עס וועט זיך ארויסשטעלן א קלארע קלעגער אויף דעם איינצעלנעם פונקט, וועט ער דן זיין איבער די אויסגעהאלטנקייט דערפון.

עטליכע וואָכן דערויף דעצעמבער 14 האט דער ריכטער געמאלדן שריפטליך פאר די לויערס, אז די אנקלעגער האבן אין א בריוו דעצעמבער 10 קלארגעשטעלט אז זיי זענען נישט גרייט צו ממשיך זיין מיט די קלאגע קעגן די בתי מדרשים, און דערמיט האט דער ריכטער געגעבן זיין פיינעל אורטייל, שליסנדיג אלע טיילן פון די קעיס.

אויב האט מען געמיינט אז דערמיט איז די פרשה איינגעשטילט געווארן, זענען אבער די אנקלעגער אצינד צוגעטרעטן צום נעקסטן שטאפל פון חילול שם שמים ובזיון שם רבינו הק', ווען זיי האבן פארגאַנגענעם עש"ק פרשת שמות אריינגעגעבן א "נאטיץ און אפיעל" וואו זיי פארלאנגען אז דער אורטייל פון ריכטער רעיקאף זאל ווערן אויסגעהערט דורך דריי פעדעראלע ריכטער פונעם סעקאנד סירקוט געריכט, צי דער ריכטער האט ריכטיג

(פארזעצונג אויף זייט 12)

**שטייענדיג אין די ווינטער חדשים ווען די ערב שבת טעג זענען גאר קורץ, טוען מיר נאכאמאל מפרסם זיין די תקנה וואס איז איינגעפירט געווארן מיט עטליכע יאר צוריק דא אין שטאט, דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי פאלגענד:**

**ווען עס קומט אן דער זמן פון הדלקת נרות של שב"ק זאל זיך שוין נישט געפינען קיין איין ארבייטער אין די גרעניצן פון קרית יואל, און ס'ליגט א פליכט און אן אחריות אויף אלע קאנטראקטערס, זיי זאלן זען אז איין שעה פארן זמן, דארפן שוין אלע ארבייטער אויפהערן ארבעטן און זיך גרייטן צו פארלאזן די שטאט.**

RABBI ARON TEITELBAUM
5 Sanz Ct. Kiryas Yoel
Monroe, N.Y. 10950
Tel. (914) 783-0994-5

אהרן טייטלבוים
רב ור"מ דק"ק
קרית יואל והגלילות
יצ"ו

ב"ה

על דבר המכשילה שפועלי עכו"ם עושים את מלאכתם - בבנין ותיקון בתים וכדוי - לקבלנים מבני ישראל בערבי שבתות, ומלאכתם יכולה להמשך גם אחר כניסת השבת, - ובפרט בימי החורף שהיום קצר והמלאכה מרובה.

ואחרי משא ומתן עם ידידי הגאון הדומ"ץ דפה שליט"א באנו לידי החלטה שלמיגדר מילתא נצרכה לתקן תקנה לעיר הזאת, שבהגיע זמן הדלה"נ בל יראו ובל ימצאו הפועלים בתחומי עיר קרית יואל יע"א, ושעה אחת קודם זמן הדלה"נ של שבת, צריכין הפועלים להפסיק את עבודתם ולתכונן לנסוע מהעיר, ודבר פשוט וברור שעל הקבלנים מוטל האחריות שיתקיים התקנה במילואו, ולמזהיר ולנזהר, שלומים תן כמי נהר.

הכותב וחותם למען שמירת שבת קדשינו

# אינהאלט


פאבליק ווארקס........7
מצילי אש אפטיילונג........8
חברים נאטיצן........11
ביהמ"ד ישמח משה החדש........13
סעקשן 8 וועיטינג ליסט........18
בריוו פון תושבי הקריה........25



"הקריה"
HAKIRYAH



3 Chevron Rd. #3A
Monroe, NY 10950
**Fax:** 845-774-7945
**Email:** hakiryah@gmail.com


**אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעסס. אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג.**


Not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.

# פילצאליגע נייע היים אייגענטומער אין קרית יואל געווארן אנגעשלאסן אין "סטאַר" פראגראם

## איינוואוינער וועלכע האבן אנגעיאגט צו אפלייען פארן דעדליין שטארק דאנקבאר פאר די ווילידזש סטעפּ פארן ארויסהעלפן מיט דעם פראצעדור

אין די פארלאפענע חדשים איז געווען דער צייט וואס הונדערטער היים אייגענטומער אין קרית יואל האבן געהאט די מעגליכקייט אריינצוגעבן אפליקאציעס צו קענען געניסן פון דעם "סטאַר" פראגראם וואס שטעלט צו א הנחה פון סקול טעקסעס פאר היים-אייגענטומער.

ווי עס איז זיכער באקאנט פאר יעדן היים אייגענטומער, איז פאראן א סטעיט פראגראם באקאנט אלס "סטאַר", וואס די סטעיט צאלט א חלק פון די סקול שטייערן פאר די היים אייגענטומער. דאס ווערט באצאלט גלייך פאר'ן סקול, און דער באטרעפענדער באקומט א קלענערן טעקס ביל.

דער פראגראם ווערט איינגעטיילט לויט פארשידענע סטעיט פארשריפטן, וואס דאס איז געווענדן אין פארשידענע קאלקולאציעס, וואס די סטעיט רעכנט אויס אין יעדן געגנט.

לויט די רעגולאציעס דארף מען בלויז איינמאל אפלייען פאר דעם פראגראם, און דערנאך געניסט מען דערפון אויטאמאטיש יעדעס יאר. אבער מיט צוויי יאר צוריק האט די סטעיט פארלאנגט אז צוליב א טויש אין די שטייער פראצעדורן דארף יעדער וואס וויל געניסן פונעם 'סטאַר' פראגראם נאכאמאל - און איינמאליג - אפלייען פאר 'סטאַר'.

צוליב דעם האט די ווילידזש אין יענע צייט געלאזט וויסן פאר די איינוואוינער איבער דעם פראגראם, און עס האט זיך בשעתו ארויסגעשטעלט אז גאר אסאך איינוואוינער וועלכע זענען געווען בארעכטיגט אלע יארן צו דעם פראגראם האבן קיינמאל נישט געוואוסט דערפון, און האבן יערליך שאדן געהאט דעם בארעכטיגטן טעקס קרעדיט פון סטאַר.

דער קאמפיין האט טאקע געהאט א שטארקן אפקלאנג און פילע משפחות האבן דאן צום ערשטן מאל אפלייעט פאר דעם פראגראם און גענאסן פון ביליגערע סקול טעקסעס. די באטרעפנדע משפחות האבן זיך טאקע שטארק באדאנקט פאר'ן ווילידזש.

זינט דאן האט די ווילידזש אין דעם פארגאנגענעם יאר און אויך היי יאר אונטערגענומען א פרייוויליגן סערוויס צו איינמעלדן פאר אלע אלטע און ניי-געווארענע סטאַר בארעכטיגטע היים אייגענטומער צו אפלייען פאר דעם פראגראם און געניסן פון די בארעכטיגטע שטייער רעדוקציע.

די ווילידזש האט פובליצירט דעם פראגראם פאר די איינוואוינער, צו זיין אויפמערקזאם איבער דעם דעד-ליין פאר'ן סטאַר פראגראם וואס איז געווען פארגאנגענעם יאנואר 3 למס' , נישט צו פארפאסן די געלעגנהייט צו געניסן פון דעם שטייער רעדוקציע.

אצינד האט דער ווילידזש געמאלדן, אז מען קען דורכאויס דעם גאנצן יאר אפלייען פארן "סטאר סקול טעקס קרעדיט", אבער צו קענען געניסן פון דעם פראגראם אין דעם פאלגענדן יאר מוז מען אפלייען ביז אנהויב יאנואר, און די וואס האבן געשפעטיגט וועלן הערשט קענען געניסן דערפון אין דעם 2013 טעקס סעזאן למס'.

התורה חסה על ממונם של ישראל.

---

# אָפּגעצייכענט אַ יאָר פון עפענונג פון "קאָמפּיוטער קיאָסק" צענטער

אין די טעג איז אָפּגעצייכנט געווארן דעם ערשטן יאָרטאָג פונעם עפענונג פונעם "קאָמפּיוטער קיאָסק", וועלכע האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס אַ שטאַרקע בָסיס פאַר די שטרענגע תקנה אַז מענטשן וואָס האָבן קינדער אין מוסדותינו הקדושים טאָרן נישט האָבן קיין קאָמפּיוטער אין שטוב.

די "קאָמפּיוטער קיאָסק" איז אויפגעשטעלט געוואָרן על פּי פקודת כ"ק רבינו שליט"א, וועלכע האָט אויפגעפּאָדערט נאָכאַמאָל שטרענג מיט די תקנה אַז עלטערן מיט קינדער אין די מוסדות טאָרן בשום אופן נישט האָבן קיין קאָמפּיוטער אין שטוב, און היות פילע דאַרפן דאָס האָבן פאַר פרנסה, אָבער עס איז זיי נישט צוגענגליך צו דינגען אַן אָפיס, האָט מען אויפגעשטעלט אַ ספעציעלן צענטער ווי מענטשן קענען זיך באַנוצן מיט'ן קאָמפּיוטער פאַר אַ צוגענגליכן פּרייז.

דער "קאָמפּיוטער קיאָסק" האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ שטאַרקער סוקסעס, עס איז קוואַרטירט אינעם ביזנעס צענטער געביידע אויף בעיקערטאַון ראָוד, וועלכע איז כשמו כן הוא, דער צענטער פון ביזנעס אין שטאָט. עס האָט צוויי אָפּטיילונגען, פאַר מענער און פאַר פרויען, יעדער באַקומט אַ קאָמפּיוטער אָפּגעזונדערט אין אַ "קיוביקל", און מען קויפט קאַרטלעך מיט פּין נומערן וואָס רעכנט אויס די שעה'ן און מינוטן וואָס מען האָט גענוצט דעם קאָמפּיוטער און לויט דעם צאָלט מען.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ שטאַרקער הילף פאַר מענטשן זיך מתגבר צו זיין אויפ'ן נסיון און אַרויסוואַרפן דעם קאָמפּיוטער פון שטוב, אויך איז דאָס צוניצגעקומען פאר מענטשן וואָס האָבן די ביזנעס נישט אין קרית יואל, אַז אין די טעג וואָס זיי זענען נישט ביי דער אַרבעט, צב"ש פרייטאָג און זונטאָג, און זיי האָבן געמוזט אָנקומען צו אַ קאָמפּיוטער, האָבן זיי געהאַט אַן אָרט וואו צו ערלעדיגן זייערע עסקים.

ספּעציעל איז דאָס צונוץ געקומען פאַר די זומער איינוואוינער אַרום קרית יואל, וועלכע האָבן די ביזנעסער אין די שטאָט, און דורך דעם "קאָמפּיוטער קיאָסק" האָבן זיי געקענט ערלעדיגן פילע זאַכן פון דאָהי און האָבן זיך געשפּאָרט הויפנס עגמת נפש.

אויך איז דאָס גוט פאַר מענטשן וואָס דאַרפן דעם קאָמפּיוטער בלויז צייטנווייז פאַר אַ זייטיגע פרנסה פאַר עטליכע שעה אַ טאָג, אָדער בלויז עטליכע טעג אַ וואָך, וואָס זיי האָבן זיך נישט געמוזט אונטערנעמען דעם עול פון דינגען אַן אָפיס און עס אויסשטאַטן מיט'ן קאָמפּיוטער, נאָר האָבן געהאַט אַלעס גרייט צום טיש.

ווי פילע אַנדערע זאַכן וואָס קרית יואל איז דערצו אַ לייכט-טורעם און אַ וועג-ווייזער, האָבן פילע אַנדערע קהלות - וואָס האָבן איינגעפירט די תקנה אַז קיין קאָמפּיוטער קען זיך נישט געפונען אין די היים פון עלטערן וואָס האָבן קינדער אין די מוסדות זייערע - זיך נאָכגעפרעגט איבער'ן "קאָמפּיוטער קיאָסק" דאָהי, און טייל זענען אַריבערגעקומען עס באַטראַכטן און זען וויאַזוי עס אַרבעט זיך אויס.

דער "קאָמפּיוטער קיאָסק" איז יעצט אַ דבר בעתו נאָכדעם וואָס ביים מעמד מרומם פאַרגאַנגענעם כ"אַ כסליו, וואו צענדליגער טויזנטער סאַטמאַרער חסידים פון אַלע ערטער האָבן זיך צוזאַמגענומען אינאיינעם, האָט כ"ק רבינו שליט"א פריש ווידערהאָלט די שטרענגע תקנה אַז קיין קאָמפּיוטער טאָר זיך נישט געפונען אין די היים פון אַ טאַטע מיט קינדער אין די מוסדות, און מען גלויבט אַז מענטשן וועלן טאַקע אויספּאָלגן און וועלן אויסנוצן דעם "קאָמפּיוטער קיאָסק" פאַר די צייטן ווען זיי דאַרפן דעם באַנוץ פון אַ קאָמפּיוטער, ווי איידער דעם איסוואל פון אריינעמען א קאמפּיוטער צו זיך אין שטוב און איינשטעלן זיך מיט די קינדער אין א זיכערע סכנה.

בואו חשבון.

---


VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



Mayor
Abraham Wieder
Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin
Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reizman


-פובליק ווארקס דעפארטמענט-

# בקשה ואזהרה!

אזוי ווי עס ווערן געהאנגען הונדערטער פלאקאטן אויף די גאסן, און עס לאזט איבער א געוואלדיגע שמוץ, וואס שטערט די ריינקייט און ארדענונג אין שטאט

**דעריבער מעלדן מיר אז עס איז נישט ערלויבט צו הענגען פלאקאטן אויף די גאסן, ספעציעל אויף סטאפ-סיינס אדער טרעפיק סיינס, אזוי אויך אויף ביימער וואס ס'מאכט שאדענס**

**אלע פלאקאטן וואס וועלן געהאנגען ווערן אין די גאסן וועלן אראפגענומען ווערן אין דעם זעלבן טאג**

מיר בעטן די אלע וואס מאכן פארטיס, מסיבות, פארזאמלונגען אדער סעילס, זאלן ביטע צו קענטעניס נעמען!

מיט דאנק

**די פובליק ווארקס דעפארטמענט**



# נייע פארברייטערטע ראוד אויף אוהעל קט. גענצליך איבערגעפלאסטערט

**ארבעט דורכגעפירט דורכ'ן טאון הייוועי דעפארטמענט אונטערן יערליכן קאנטראקט מיט'ן ווילידזש**

אין די פארגאנגענע וואכן איז די אוהעל גאס געווארן פריש איבערגעפלאסטערט, אונטער דעם קאנטראקט וואס קרית יואל האט געשלאסן מיט די טאון און מאנרא הייוועי דעפארטמענט מיט אנדערטהאלבן יאר צוריק, וועלכע טוט פארפליכטן די טאון צו פארריכטן די גאסן אין קרית יואל אויף א יערליכן פארנעם אין די ווערד פון $50,000.

שוין אסאך יארן וואס קרית יואל האלט אן א "הייוועי מעינטענענס קאנטראקט" מיט די טאון און מאנרא, אין וועלכע די טאון האלט אויף די ראודס אין קרית יואל. דאס נעמט אריין שארן די שניי, פארשטאפן לעכער, א.א.וו., די ווילידזש צאלט אוועק יערליך איבער א פערטל מיליאן דאלאר פאר דעם קאנטראקט.

מיט אנדערטהאלבן יאר צוריק ווען די ווילידזש האט באנייט דעם קאנטראקט אויף נאך פינף יאר, איז געלונגען נאך אסאך שתדלנות ביי די טאון באאמטע אז די טאון זאל פאר'ן זעלבן קאנטראקט פרייז אויך צוגעבן א באנוס, א ווערט פון $50,000 יערליך, אויף די קאסטן פון גיסן פעך אויף די שאסייען ד.ה. אז זיי וועלן איבערמאכן די ראודס אן אפצאל, וואס דאס וועט שוין זיין אריינגערעכנט אינעם יערליכן הייוועי קאנטראקט.

פארגאנגענעם יאר האבן זיי טאקע איבערגעפלאסטערט עטליכע ראודס פון קרית יואל אין די ווערד פון $50,000, און אצינד ווען עס איז שוין אריבערגעגאנגען נאך א יאר איז געקומען די רייע איבערצופלאסטערן נאך גאסן פאר דעם זעלבן פרייז.

אין ליכט פון דעם איז אין די פארגאנגענע וואכן איבערגעפלאסטערט געווארן די גאנצע אוהעל גאס וועלכע איז איבערגעדעקט געווארן מיט א פרישן שיכט פעך און שטיינער וועלכע האלט זיך פאר יארן.

די אוהעל גאס איז אין די פארגאנגענע חדשים פארברייטערט געווארן מיט עטליכע פיס, ווען דער ווילידזש האט דורכגעפירט די 7'טע פאזע פון סיידוואק און ראוד פראיעקטן אין די שטאט, אונטער וועלכן די גאנצע גאס איז אויסגעברייטערט געווארן און עס זענען געגאסן געווארן נייע ברייטע סיידוואקס אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי די אנדערע גאסן אין די שטאט וואס זענען איבערגעמאכט געווארן אין די לעצטערע יארן.

אין די לעצטערע יארן איז די גאס געווארן א פארנומענע גאס, צוליב וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א געפינט זיך דארט יעדע נאכט בביתו נאווה קודש פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, אויפצונעמען דעם ציבור אנ"ש וועלכע קומען זיך געזעגענען בפתקא ופדיון.

ספעציעל אין די לעצטע תקופה זינט עס איז צוריק נתחדש געווארן דער איינפיר פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע אז אנ"ש קומען דארט פראווען דעם מסיבת תנאים אויף א ביליגן פארנעם בביתו נאוה קודש, האט זיך פילפאכיג פארגרעסערט דער פארקער אויף די אוהעל גאס פון די משפחות וואס פראווען דארט דעם מסיבת תנאים.

אצינד מיט'ן איבערפלאסטערן דעם גאס וועט דאס פארגרינגערן פאר די איינוואוינער אויפ'ן ארט און די אנדערע אידן וואס באנוצן זיך אסאך מיט די אוהעל גאס.

דאס פארברייטערן די גאסן און סיידוואקס און דאס איבערפלאסטערן די גאסן איז א הויכע פראיאריטעט ביים ווילידזש, וועלכע לייגן אריין אסאך כוחות צוצושטעלן פאר די איינוואוינער ברייטע און באקוועמע ראודס און סיידוואקס כדי צו פארמיידן סכנות און עגמת נפש פון צעבראכענע ראודס און סיידוואקס, וואס טראצדעם וואס די ווילידזש העכערט נישט קיין שטייערן פאר די איינוואוינער, ארבעט מען מיט די געצוימטע ווילידזש בודזשעט צו קענען בענעפיטירן וואס מער לטובת די איינוואוינער, און צו ברענגען די אלע סערוויסעס וואס מעגליך דורך גאווערמענט גרענטס.

מתקנין את הדרכים.

---

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220


**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


## וויכטיגע מעלדונג!

דערמיט ווילן מיר מעלדן פאר אלע חשוב'ע איינוואוינער שיחיו,

**אז היות עס איז שוין אריבערגעגאנגען דער "דעד-ליין" צו קענען אפלייען פאר'ן**

## "STAR" Program

**וואס שטעלט צו א הנחה פון סקול טעקסעס, פאר הויז-אייגענטומער.**

און אזוי ווי א טייל איינוואוינער האבן פארפאסט דעם געלעגנהייט
דורך נישט אפלייען צייטליך, דעריבער ווילן מיר מעלדן אז

**מען קען דורכאויס דעם גאנצן יאר אפלייען**
**פאר'ן "סטאר סקול טעקס קרעדיט"**

און מען מוז נישט ווארטן אויף די לעצטע מינוט

**אבער צו קענען געניסן פון דעם פראגראם אין דעם פאלגענדן יאר מוז מען אפלייען ביז אנהויב יאנואר, און די וואס האבן געשפעטיגט וועלן הערשט קענען געניסן דערפון אין דעם 2013 טעקס סעזאן למס'.**

**<u>אכטונג:</u>**

איר דארפט אפלייען נאר אויב איר האט היי-יאר נישט געהאט דעם פראגראם. אויב האט איר דאס שוין יא געהאט וועט איר קומענדיגע יאר דאס אויטאמאטיש באקומען.

באזונדער איז דא צובאקומען די Enhanced Star און אנדערע טעקס הנחות פאר "סיניער סיטיזענס", געוואנדן לויט'ן אינקאם. די וועלכע ווערן צום ערשטן מאל בארעכטיגט פאר "סיניער סיטיזענס" פראגראמען, דארפן זיך מעלדן צו אונזער אפיס פאר אן אפליקעישאן.

## פאר סיי וועלכע פראגע פארבינדט אייך מיט אונזער אפיס

# 783-8300 Ext. 4-4

- כדי צו געניסן פון "סטאר", דארפט איר זיין דער אייגענטומער פון די דירה.
- איר דארפט אויך וואוינען אין די דירה (נישט ארויסגעגעבן פאר רענט).

מיט דאנק,

די ווילידזש טעקס דעפארטמענט

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


בס"ד

# וויכטיגע אנווייזונגען פאר תושבי קרית יואל אין פאל פון א שניי

1) מען זאל נישט פארקן די קארס אויף די ראודס אדער אויף די סיידוואקס כדי די שארער טראקס זאלן קענען געהעריג פוצן די שניי.

2) אכטונג געבן ווען מען פוצט אוועק די שניי פון ארום די קאר און פון די דרייוו–וועיס אז מען זאל נישט שליידערן די שניי אויף די ראודס.

3) אכטונג געבן אויף די קינדער נישט צו שטיין נעבן די סיידוואק שארער כדי עס זאל נישט צוקומען ח"ו צו קיין סכנה.

4) אזוי אויך זאל מען נישט לאזן אויף די סיידוואקס קיין גארבידזש קענס, שאוולעך, אדער בייקס וכדומה, ווייל די זאכן ווערן צובראכן פונעם שארער טראק.

5) אין די צייטן ווען די ראודס זענען גליטשיג, זאל מען זיך פארמיידן ווי ווייט מעגליך פון גיין אויף די ראודס, אזוי אויך איז זייער וויכטיג צו גיין מיט "רעפלעקטארס", ווייל עס איז אוממעגליך די קארס זאלן באמערקן די דורכגייער, ספעציעל ביי קארנערס ווען די קארס דרייען זיך און קענען זיך נישט אפשטעלן.

6) יעדער איינוואוינער איז פאראנטווארטליך אויפצושארן די שניי ארום זיין פאסט קעסטל, ביי די ערטער וואו עס איז נישט געפוצט די שניי וועט מען נישט דעליווערן די פאסט.

7) איינוואוינער פון די אויבערשטע שטאקן זאלן אראפהאקן מיט א בעזעם די שטיקער אייז וואס הענגט אראפ פון דאך, ווייל דאס איז אומשטאנד אראפצושלעפן די דרענס פון הויז. (פארשטייט זיך מען זאל אכטונג געבן קיינער זאל זיך נישט געפינען אונטער דעם בשעת מען ברעכט דאס אראפ).

מיט דאנק

**די ווילידזש**

# אינטערוויו

## א שמועס מיט די ווילידזש פובליק וואורקס דעפארטמענט, איבער די אומערמידליכע ארבעט פון די פובליק ווארקס במשך דעם שניי סעזאן דורכאויס דעם ווינטער

**הקרי':** די געוואלדיגע ארבעט פונעם ווילידזש פובליק ווארקס ביי יעדן שניי איז דער געשפרעך פון טאג אין קרית יואל. אפשר קענט איר אונז געבן א שטיקל באריכט וויאזוי עס גייט צו די שניי רייניגונגס ארבעט אין קרית יואל?

**פובליק ווארקס:** דער אמת איז אז עס איז שוין נישט קיין נייע זאך דאס וואס דער ווילידזש פירט דורך אזא סוקסעספולע ארבעט ביי די שניי, קרית יואל האט זיך אלע יארן אויסגעצייכנט אין טון א גוטע ארבעט ביי שניי שטורעמס, נאר פארגאנגענעם יאר האט זיך דאס מער אנגעזען נאכדעם וואס אנדערע חרדי'שע געגנטער האבן גאר שטארק געליטן פון א שוואכע רעאקציע מצד ניו יארק סיטי צו די שניי, האט עס געברענגט אז דער עולם זאל מער אנערקענען וואספארא גוטע ארבעט מען לייגט אריין דא אין קרית יואל.

**הקרי':** אפשר קענט איר אונז פארציילן וואס איז די שווערסטע חלק פונעם שניי שאַרן?

**פובליק ווארקס:** די שווערסטע חלק ביים רייניגן די גאסן איז די קארס אויפ'ן ראוד, סיי די געשטראנדעטע קארס וואס שטערן די טראקס פון דורכפירן געהעריג די ארבעט, און אויך סתם קארס פון מענטשן וואס פארן אין די גאס אין אזא צייט, וואס דאס טוט שטארק שטערן די רייניגונגס ארבעט.

**הקרי':** איז דער פראבלעם נאר מיט די געוועונליכע קארס וואס קענען נישט פארן אין א שניי, אדער אויך מיט די קארס וואס פארמאגן א 4 וויהל דרייוו?

**פובליק ווארקס:** דאס איז נישט נאר געוועונליכע קארס, אויך די מענטשן וואס פארמאגן די "4 וויהל דרייוו" קארס און "מיינען" אז זיי קענען יא פארן אין א שווערן וועטער, זיי קענען אויך נישט פארן אין א גרויסן שניי, און דאס מאכט נאך מער פראבלעמען, ווייל די געוועונליכע קארס פרובירן מענטשן טאקע נישט אזוי ווייט צו נוצן, וויסנדיג דעם שווערן מצב אויף די גאסן.

**הקרי':** ווי ווייט האט דאס אין די פארגאנגענהייט געשטערט די רייניגונגס ארבעט אין קרית יואל?

**פובליק ווארקס:** עס זענען געווען פאראיאר ביי איינע פון די שנייען צוויי גאסן וואו די טאון הייוועי דעפארטמענט האבן נישט געקענט אריינפארן צוליב אנגעלייגטע קארס. דאס איז געווען אויף דעם בארג פון די ליזענסק גאס וואו ארום 15 קארס זענען געווען געשטראנדעט אויף די ראודס און די גרויסע שאַרער טראקס האבן נישט געקענט טון זייער ארבעט, ווי אויך האבן זיי זיך צוליב דעם נישט געקענט אויסדרייען ביים שפיץ פונעם בארג און דעריבער האבן זיי נישט געקענט רייניגן דעם ליזענסק גאס.

דאס זעלבע איז געווען מיט די קארלין גאס וואס איז געווען אנגעלייגט מיט קארס און מען האט דארט אויך נישט געקענט פוצן געהעריג די שניי, אויך ביים עק אויף מירון איז געווען פראבלעמען.

**הקרי':** וואס האט מען צום סוף געטון מיט די גאסן וואו די טאון טראקס האבן נישט אויפגעשאַרט?

**פובליק ווארקס:** מיר האבן געמוזט אליינס אויפשאַרן די גאסן מיט די גרויסע טראקטארן וואס די ווילידזש האט געדינגען ספעציעל ביי די גרויסע שנייען.

**הקרי':** איז פאראן א זאך וואס מענטשן קענען צוהעלפן אז די ארבעט זאל נישט געשטערט ווערן?

**פובליק ווארקס:** דער עולם קען צוהעלפן מיט איין זאך, מען זאל בכלל נישט פארן אויף די גאסן. אויב עס מאכט זיך אז עס פאלט א גרעסערע שניי, זאל מען לאזן די קארס געפארקט און מען זאל בכלל נישט ארומפארן ביז דער שניי ענדיגט זיך און מען ענדיגט אויפרייניגן דעם שניי.

**הקרי':** איר האט פריער דערמאנט די טאון הייוועי דעפארטמענט, ווי קומט אריין די טאון הייוועי דעפארטמענט אין דעם ווילידזש אוו קרית יואל?

**פובליק ווארקס:** די הויפט ארבעט פון אויפשאַרן די ראודס אין קרית יואל ווערט דורכגעפירט דורך די גרויסע שאַרער טראקס פון די טאון אוו מאנרא, דער ווילידזש האט א יערליכן קאנטראקט מיט די טאון אוו מאנרא וואס ווערן באצאלט צו רייניגן די גאסן פון קרית יואל א גאנצן ווינטער ביי יעדן שניי.

**הקרי':** וועלכע ארבעט ווערט יא דירעקט דורכגעפירט דורכ'ן ווילידזש פובליק ווארקס דעפארטמענט?

**פובליק ווארקס:** די פובליק ווארקס דעפארטמענט גיבט זיך אפ מיט'ן רייניגן די סיידוואקס, און די שארט-קאטס אין גאנץ קרית יואל, ווי אויך צו פארענדיגן די אלע פלעצער אויף די ראודס וואו עס בלייבט איבער שניי, ווי צום ביישפיל ביי די קאָרנערס פון די גאסן, אדער ערטער וואו די טאון שאַרער טראקס זענען געשטערט געווארן פון די ארבעט.

**הקרי':** וויפיל "סיידוואק שאַרער טראקס" פארמאגט קרית יואל היינט צו טאגס צו קענען רייניגן די סיידוואקס אין די שטאט?

**פובליק ווארקס:** די ווילידזש פארמאגט אין באזיץ דריי "בלויערס" באקאנט אלס די "סיידוואק שאַרער טראקס", וואס טוען די ארבעט צו רייניגן די סיידוואקס אין קרית יואל.

עס זענען פאראן צוויי סארט שאוולען וואס ווערן ארויפגעלייגט אויף די סיידוואק שאַרער טראקס, איין סארט איז א געוועונליכע שאוועל וואס ווערט געוועונליך גענוצט ביי די קלענערע שנייען אוועקצורוקן די שניי צו די זייטן פונעם סיידוואק, און די אנדערע סארט איז באקאנט ביים עולם מיט'ן נאמען די "שניי פרעסערס" וואס כאפט אריין די שניי און צומאלט עס און בלאזט עס ארויס אויף די זייט.

**הקרי':** ווי לאנג דויערט פאר די סיידוואק שאַרער טראקס צו רייניגן די סיידוואקס פון די גאנצע שטאט?

**פובליק ווארקס:** אין א געוועונליכע קלענערע שניי ווערן אלע סיידוואקס אין קרית יואל אויפגעשאַרט אין בלויז זעקס שעה! און ביי א גרויסן שניי וואס מיר דארפן אויך נוצן טרעקטארס וואס מיט די טרעקטארס דויערט אסאך לענגער אויפצורייניגן די סיידוואקס, קען געדויערן עטליכע טעג ביזן קענען דערקלערן די סיידוואקס אין קרית יואל גענצליך ריין.

**הקרי':** די ווילידזש לייגט זאלץ אויך אויף די סיידוואקס, צי נאר אויף די ראודס?

**פובליק ווארקס:** אויף די סיידוואקס לייגן מיר קאלסיום וואס איז פיל טייערער ווי די געוועונדליכע זאלץ, כדי די זאלץ זאל נישט קאליע מאכן די סיידוואקס.

**הקרי':** וויפיל מאל לייגט מען זאלץ ביי א שניי?

**פובליק ווארקס:** א לאנגע צייט נאכדעם וואס עס האט שוין געענדיגט שנייען זענען מיר נאך פארנומען צו לייגן זאלץ, וויבאלד איבערן טאג ווען די זון שיינט צולאזט זיך דער שניי, און שפעטער ווען עס ווערט קאלט ווערן די וואסער אויף די ראודס און סיידוואקס פארפרוירן, און דאס קען שאפן א סכנה'דיגן גליטש, דעריבער פארן מיר ארום איבערן טאג צו לייגן זאלץ דארט וואו עס פעלט זיך אויס.

**הקרי':** וואס קענט איר אונז פארציילן איבער דאס פוצן די שארטקאטס אין קרית יואל?

**פובליק ווארקס:** דאס פוצן די שארט-קאטס איז א ספעשל סערוויס פון די ווילידזש וואס מען זעט נישט אין ערגעץ, וואס מען פוצט די שניי און מען לייגט זאלץ אויף אלע שארט-קאטס אין קרית יואל. אין אמת'ן אריין איז דאס פוצן די סיידוואקס אויך א חידוש וואס מען זעט כמעט נישט ערגעץ אנדערש, אבער דאס איז דאך דער עולם שוין צוגעוואוינט, אבער די שארט-קאטס איז א זאך וואס איז צוגעלייגט געווארן אין די לעצטע יארן.

**הקרי':** זענען די שארטקאטס די אייגענטום פונעם ווילידזש?

(פארזעצונג אויף זייט 10)

VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

## אקטועלע מעלדונג

במשך די ווינטער חדשים

**זענען אונזערע אפיסעס**
**אפן יעדן פרייטאג**

# ביז 12:00

מיט דאנק

**דער ווילידזש**

**נ.ב. צוליב די קורצע פרייטאגס בעט מען אז די וואס האבן באשטימט אן אפוינטמענט מיטן מעיאר, זאלן ביטע ערשיינען צייטליך כדי נישט אויפצוהאלטן אנדערע וואס ווארטן אויך פאר זייערע באשטימטע מיטינגען מיט'ן מעיאר**




# מצילי אש אפטיילונג

## פּאָמפּ טעסטס דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס סוקסעס אויף אלע "מַצילי אֵש" פייערלעשער טראָקס

ווי אַלע יאָרן האָט מען פארגאנגענעם דעצעמבער דורכגעפירט די נויטיגע פּאָמפּ טעסטס אויף די אַלע פיר וואסער פאמפ טראָקס פון די "מַצילי אֵש" פייער דעפּאַרטמענט און עס איז דורכגעגאַנגען מיט הצלחה. אַלע טראָקס האָבן דורכגעמאַכט דעם אינספּעקשאָן מיט סוקסעס, סיידן קליינע מעינטענענס פּונקטן וואָס מען האָט געדאַרפט דורכפירן אויף די פּאָמפּס, וואָס די פירמע וואָס האָט געמאַכט די טעסטס האָט פארראכטן אויפ'ן פּלאַץ.

אַ פייער טראָק דאַרף נישט קיין פּלעיטס און רעגיסטרעישאָן און אינספּעקשאָן ווי אין אויטאָ, עס איז אין גאָר אַן אַנדערע קאַטעגאָריע.

דאָך, צו פאַרזיכערן די זיכערהייט פון די באַפעלקערונג, מוז יעדע פייער טראָק דורכגיין צוויי סאָרטן אינספּעקציעס יערליך דורך פּריוואַטע פירמעס, און די פייער דעפּאַרטמענט איז פאַראַנטוואָרטליכט אַז דאָס מוז געטאָן ווערן כדי צו באַשיצן דעם פּאָבליקום.

איין סאָרט אינספּעקציעס איז די זעלבע ווי ביי אויטאָס, מען אונטערזוכט דעם מעכאַנישן-פּאָרן טייל פון די פייער טראָק, דאָס נעמט אַריין די רעדער, די ברעיקס, און אַלע אַנדערע קריטישע טיילן. אָבער עס איז נישט אַזוי פּשוט ווי ביי אויטאָס, עס איז פיל מער דעטאַלירט און רעגולירט, וואָרום אַ פייער טראָק איז אַ שווערער טראָק וואָס טראָגט אַ שווערע לאַסט פון וואַסער און פאָרט געוועגליך שנעל און געאיילט, און אַן עקסידענט דערמיט קען מיינען טויטפעלער סיי פאַר פיסגייער און מאָטאָריסטן און די פייערלעשער, און אַז די פייער טראָק איז מעכאַניש צעבראָכן קען עס נישט אָנקומען צום פייער.

די צווייטע סאָרט אינספּעקציע איז ספּעציעל פאַר די סיסטעמען וואָס שפּריצן דאָס וואַסער אויפ'ן פייער, וואָס דאָס איז די הויפּט מיסיע פונעם פייער טראָק, די אַלע בליצערס און לעמפּ און כל-ערליי צוגאַבליכע מאַשינען זענען אַלע נאָר פאַר דעם צוועק צו קענען שפּריצן וואַסער אויפ'ן פייער.

די פּאָמפּ טעסטס זענען געמאַכט זיכער צו מאַכן אַז די פייער פּאָמפּס פונקציאָנירן ווי געהעריג אַז עס זאָל נישט צוקומען דערצו אַז מען זאָל אָנקומען צו אַ פייער סצענע און נישט קענען פּאָמפּן גענוג שנעל דאָס וואַסער צו לעשן דעם פייער.



דערפאַר קומט יערליך אַראָפּ אַ ספּעציעל פּאָמפּ אינספּעקשאָן פירמע וואָס פירן דורך די פּאָמפּ אינספּעקשאָנס.

דאָס ווערט געטאָן ווי פאָלגענד:

מען פירט אַרויס די פייער טראָק צום פּאַרקינג לאַט פונעם פייער דעפּאַרטמענט, מען שטעלט אַראָפּ אַ ספּעציעלן פּאָרטעבל סווימינג פּול וואָס דאָס נוצט מען פאַר'ן פּראָבע.

מען ציעט די ספּעציעלע פייער שפּריצן פּייפּס פונעם פייער טראָק אַריין צום סווימינג פּול, און פונעם סווימינג פּול ציען זיך ספּעציעלע שוואַרצע פּייפּס וואָס פירן צוריק דאָס וואַסער צום טאַנק פונעם פייערלעשער טראָק.

מען קען נישט סתם אַזוי שפּריצן פונעם פייערלעשער טראָק וואַסער אַריין אינעם סווימינג פּול, וואָרום די פּרעשור איז גאָר שטאַרק און עס קען איינוואַרפן אַ וואַנט פון אַ הויז. יעדע טראָק פון די פיר פייערלעשער טראָקס וואָס די "מַצילי אֵש" האָט אין דינסט, קען פּאָמפּען וואַסער אויף אַ ראַטע פון 1,650 גאַלאָנען אַ מינוט, דאָס מיינט 27 גאַלאָנען יעדע סעקונדע.

די טעסטס ווערן דורכגעפירט ביי אַ ראַטע פון 110 פּרעשור פּער סקווער אינטש (צום פאַרגלייך די לופט דרוק אין אַן אויטאָ רעדל איז ביי 35 פּי. עס. איי.), די פייערלעשער טראָק פּאָמפּס קענען פּאָמפּען ביי אַ מאַקסימום שטאַרקייט פון 200 פּרעשור פּער סקווער אינטש.

דערפאַר, ביים פּראָבע ווערט די וואַסער ארויסגעשפּריצן פון די פּייפּס אַריין אין אַ ספּעציעלן "פּרעשור רעדוצירונג" מאַשינקע, וואָס רעדוצירט דעם פּרעשור נאָך בעפאָר דאָס וואַסער קומט אַריין אינעם סווימינג פּול, אַזוי ווערט דער סווימינג פּול נישט צעריסן פון די שטאַרקע פּרעשור.

דאָס טעסטן די פּאָמפּס פון די פייערלעשער טראָקס איז אַ לאַנגע אַרבעט, אויף יעדע טראָק נעמען די טעסטן בערך אַ שעה און פופצן מינוט, דאָס מיינט אַז די פירמע דאַרף פאַרברענגען כמעט אַ גאנצע טאָג דורכצופירן די אַלע טעסטס.

ווי פריער געמאָלדן האָבן אַלע פייער טראָקס דורכגעמאַכט דעם פּראָבע, סיידן מינדערוויכטיגע "מעינטענענס" אַרבעט וואָס מען האָט געדאַרפט דורכפירן אויף די פּאָמפּס וואָס די פירמע האָט געטאָן אויפ'ן פּלאַץ, און די פירמע האָט אויסגעדרוקט גרויס צופרידנהייט.

די טעסטס מוזן געמאַכט ווערן יערליך, און די אינפאָרמאַציע ווערט אַוועקגעשיקט סיי פאַר די רעגירונגס אָפּטיילונג פון די סטעיט וואָס גיבט זיך אָפּ מיט די איבערזיכט אויף פייער דעפּאַרטמענטס, און אויך פאַר די אינשורענס פירמעס וואָס גיט די אויטאָ אינשורענס אויף די פייער טראָקס.







גמ"ח הצלה אפעלירט צו אייך:
פארט איר
סיי ווען, סיי וואו,
און איר האט פלאץ?
ביטע רופט:
845-782-5376

# מצילי אַש ראַטעוועט אַרויס געשטראַנדעטן מאַן פון עלעוועיטאָר

קרית יואל איז שוין אַ גרויסע שטאָט, מען בויט שוין היינט אַפּאַרטמענט הייזער מיט פיר שטאָק און דערינען זענען דאָ עלעוועיטאָרס צו באַדינען די איינוואוינער. ווי פאַרשטענדליך ווערט דאָס רעגולירט - ווי געזעצליך פארלאנגט - דורכ'ן ווילידזש בילדינג דעפּאַרטמענט, אַז מען זאָל לכתחלה אינסטאַלירן אַ פאַרלעסליכן עלעוועיטאָר וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צום געברויך און לויט די באַנוץ ראַטע, און פון אַ רעספּעקטפולע פירמע וואָס זאָל שטיין אונטער איר פּראָדוקט. אויך איז דער ווילידזש בילדינג דעפּאַרטמענט שטרענג מיט די אינספּעקציע און אויפהאַלטונג געזעצן אַז די עלעוועיטאָרס זאָלן ווערן כסדר אינספּעקטעד און אויפגעהאַלטן ווי עס דאַרף צו זיין.

אָבער ביי יעדן עלעוועיטאָר מאַכט זיך אַמאָל פּראָבלעמען, און דאָס האָט פּאַסירט ווען די מצילי אַש איז אַרויסגערופן געוואָרן צו אַן אַפּאַרטמענט געביידע אויף פּראַג בלווד, וואו עס געפינען זיך פילע הויך-שטאָקיגע אַפּאַרטמענט הייזער, ווען אַ איד איז געבליבן איינגעשפּאַרט אינעם עלעוועיטאָר.

די מצילי אַש וואָלונטירן זענען אַרויסגערופן געוואָרן, און יאָ, זיי זענען אויך טרענירט פאַר עלעוועיטאָר רעטונגס אַקציעס. די מצילי אַש אַגענטור קען איבערנעמען קאָנטראָל פונעם עלעוועיטאָר פונעם צענטראַלן קאָנטראָל צימער וואָס געפינט זיך אינעם בעיסמענט ביים גרונט פונעם עלעוועיטאָר און קען אַראָפּברענגען דעם עלעוועיטאָר ביז אונטן, און אַפילו עפענען די דרויסנדיגע טירן אַז מען זאָל קענען זיך אַראָפּלאָזן מיט אַ לייטער אַריין אינעם עלעוועיטאָר קאַבינע דורכ'ן עפענונג וואָס יעדע עלעוועיטאָר קאַבינע האָט אויפ'ן דאַך.

למעשה האָט זיך דאָס ביי דעם פאַל נישט אויסגעפעלט, מען האָט געקענט דורך די ספּעציעלע "מענועל קאנטראלס" עפענען דעם עלעוועיטאָר טיר און מאַכן אַ פּדיון שבוים פאַר דעם איד וועלכער איז געווען פארכאפּט.

געוועגליך ווען מען זעט אַז די עלעוועיטאָר איז צעבראָכן טוט די מצילי אַש דאָס אָפּשפּאַרן און לאָזט דאָס נישט נוצן ביז די עלעוועיטאָר פירמע קומט אַראָפּ עס פאַרריכטן, אָבער אין דעם פאַל האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די פּראָבלעם איז געווען אַ מילדע פארהאנקערונג און מען האָט נישט געדאַרפט אַרויסנעמען דעם עלעוועיטאָר פון דינסט.

---

**מצילי אש פּאָדערט אויף:**

# בוילער רום איז בשום אופן נישט קיין סטאָרעדזש

די פירער פון די מצילי אַש פייער גרופּע האָבן אויפגעפּאָדערט די רעדאַקציע פון די הקריה, צו אויפמערקזאַם מאַכן דעם ציבור איבער דעם געפאַר פון נוצן דעם בוילער רום פאַר אַ סטאָרעדזש.

דער בוילער רום איז נישט געמאַכט פאַר קיין סטאָרעדזש רום און מען טאָר דאָס נישט נוצן פאַר דעם צוועק. מענטשן פאַרנאַכלעסיגן דאָס און לאָזן דאָרטן אָנגעוואָרפן מיט פאַרשידענע זאַכן וואָס אויב קומען זיי צו צום בוילער קען דאָס מאַכן אַ פייער און אַ גאַנצע געביידע קען רח"ל אויפגיין אין פלאַמען, דאָס איז סכנת נפשות ממש.

דער בוילער רום מוז געהאַלטן ווערן ציכטיג ריין, קיין שום פּאַפּירלעך און זייטיגע זאַכן טאָרן זיך נישט דאָרטן אַרומוואַלגערן, אויך דאַרף מען זיכער מאַכן אַז עס איז געהעריג ווענטילעיטעד, וואָרום אַז נישט קען דאָס מאַכן אַן אָנזאַמלונג פון שעדליכע געזן וואָס קען זיין שעדליך אַפילו פאַר די מענטשן וואָס וואוינען אין די דירות העכער דעם, וואָס זיי קענען זיך נעמען שפּירן שלעכט צוליב דעם אָנזאַמלונג פון געזן און ווייסן דאָס אַפילו נישט, און כאַפּן נישט פאַרוואָס זיי האָבן כסדר קאָפּ-ווייטאָג.

מצילי אַש האָט שוין געהאַט פעלער ווען מען איז אָנגעקומען צו מענטשן און מען האָט געזען אינעם בוילער צימער געפאַרפולע צושטאַנדן, מענטשן האָבן דאָרטן געהאַלטן פעינטס, בענזין, און אַנדערע פלעימעיבל שטאָף, וואָס דאָס מיינט ממש זיך און די פאַמיליע און אַלע שכנים געשטעלט אין געפאַר. אַפילו פּשוט'ע האָלץ און פּאַפּיר טאָר מען נישט האַלטן אינעם בוילער רום, עס איז נישט קיין סטאָרעדזש רום בשום אופן.

איין פאַל אין די פאַרגאַנגענע וואָך וואָס האָט אויפגעשוידערט די מצילי אַש וואָלונטירן, און עס דראַמאַטיזירט דעם ערנסטקייט פונעם פּראָבלעם, איז געווען ווען די מצילי אַש וואָלונטירן זענען אָנגעקומען צו א בוילער צימער צוליב אַן אומפארבונדענעם אורזאַך, און האָבן דאָרטן געזען ליגן ספּעציעל פלאַמענדיגע קוילן האָלץ וואָס איז באַשמירט מיט גאָר שטאַרק פלאַמענדיגע כעמיקאַלן, דאָס נוצט מען אנצוצינדן דעם פייער אין די קאָכן אַפּאַראַטן וואָס מען נוצט צו בראָטן אין הויף אין די זומער מאָנאַטן אויב מען איז אונטערוועגנס. די כעמיקאַלן אויף די העלצער זענען גאָר פלאַמענדיג און אויב די פאַרע פון די כעמיקאַל פון די האָלץ קומט אָן צום לעבעדיגן גאַז פייער אינעם בוילער קען דאָס שאַפן אַן אויפרייס..., צו-מזל האָט מען דאָס בעזרת ה' באַצייטנס באַזייטיגט.

צו דערמאַנען היסטאָריע, האָבן שוין אַזעלכע העלצער אַמאָל אָנגעמאַכט אַ שרעקליכע היים שריפה, נאָך אין די צייטן ווען די מצילי אַש אַגענטור האָט נאָכנישט עקזיסטירט.

דעריבער ווידערהאלן די מצילי אש פירער, אַז מען זאָל גאָרנישט האַלטן אין בוילער צימער. בכלל זאָל מען נישט האַלטן אין שטוב קיין שום ברענענדיגע כעמיקאַלן און אוודאי נישט קיין געזאָלין, אַלטע פעינט און בענזין זאָל מען אפּפירן צו די ספּעציעלע אַרויסוואַרפונג סטאַנציעס, און מיט גלו דאַרף מען אויך זיין פאָרזיכטיג עס נישט צו נוצן נעבן דעם אָפענעם פלאַם פון אַ גאַז ווייל רוב גלו איז פלאמענדיג.

---

# הערליכע מסיבת "הכרת הטוב" פאר וואלונטירן פון "חברה מצילי אש" פאר געטרייע ארבייט לטובת תושבי העיר

(פארזעצונג פון זייט 1)

אהרן ארי' אייזענבערג שליט"א, וועלכער איז ספעציעל געלאדענט געווארן צו דעם מעמד אויפצוטרעטן פאר די חשוב'ע יונגעלייט.

אלע פארזאמעלטע האבן אנגעשפיצט די אויערן צו די וואונדערליכע דרשה פון דעם חשוב'ן גאסט וועלכער האט א לענגערע צייט ציטירט פון פארשידענע מאמרי חז"ל איבער דעם גרויסקייט און חשיבות פון זיך אוועקגעבן ארויסצוהעלפן אנדערע אידן, געבנדיג הויפענעס פון חיזוק פאר די יונגעלייט אנצוגיין ווייטער מיט די עבודת הקודש.

באזונדער האט ער ארויסגעברענגט דאס מסירות נפש פון די יונגעלייט וועלכע קענען זיך צומאל אריינשטעלן אין א סכנה צו גיין ראטעווען אידישע נפשות און דער געוואלדיגער זכות פון המקיים נפש אחת מישראל וואס וועט זיי באגלייטן אויף שטענדיג.

## דרשת הרה"ח ר' אברהם וויעדער שליט"א, מעיאר

דאן האט דער יושב ראש אויסגערופן מיט פאסיגע ווערטער דעם חשוב'ן מעיאר וראש הקהל הרה"ח ר' אברהם וויעדער שליט"א, מיט קורצע ווערטער האט ער באגריסט דעם חשוב'ן מעיאר שליט"א וועלכער איז געווען דער מייסד און גרינדער פון די חברה מצילי אש, נאכדעם וואס קרית יואל איז געווען געפלאגט פון מערערע פייערן רח"ל וואס האבן זיך פארשפרייט בלויז צוליב וואס מען האט געברויכטווארטן לאנג אויף הילף. דערביי האט ער אויפגערופן דעם חשוב'ן מעיאר אויפצוטרעטן פאר די פארזאמלטע.

א שטילקייט האט געהערשט אין זאל ווען ר' אברהם האט אנגעהויבן זיין דרשה. צום ערשט האט ער ווארעם באגריסט אלע פארזאמעלטע, דערנאך האט ער מיט הארציגע רייד ארויסגעברענגט דעם באדייט פונעם יעצטיגן פארזאמלונג, וואס דאס מיינט פאר קרית יואל, אפגעבנדיג א שבח והודאה פאר השי"ת אויף די אלע דערגרייכונגען צו וואס מען איז צוגעקומען עד היום הזה צו קענען ראטעווען אזויפיל אידישע קינדער אויף אזא פארנעם.

דער חשוב'ער מעיאר האט פארציילט וויפיל עגמת נפש מען איז אלץ אריבער בעבר ווען מען איז געווען אנגעוויזן אויף דרויסענדיגע הילף, און וויפיל מען האט זיך געמוטשעט אלע יארן ביז מען איז אנגעקומען צו דעם שטאנדפונקט וואו מען שטייט היינט צו טאגס.

דערביי האט ער אויסגעדרוקט זיין פערזענליכע דאנק אויף אן עפיזאד וואס האט זיך אפגעשפילט מיט עטליכע יאר צוריק ביי זיך אין שטוב, ווען עס האט דארט ל"ע אויסגעבראכן א פייער אום סאמע ערב פסח, און עס האט שוין אויסגעקוקט אז מען וועט שוין נישט קענען פראווען יענעם יאר דעם סדר אינדערהיים, אבער מצילי אש מיט זייער פלינקע ארבעט האבן באוויזן אויסצולעשן דעם פייער אין געציילטע מינוטן, און דערמיט אפגעראטעוועט דאס הויז און מען האט ב"ה געקענט צוגיין צום סדר מיט א פרייליכן געמיט.

דער מעיאר האט זיך באדאנקט בשם אלע איינוואוינער פאר די מצילי אש וואלונטירן אויף די געטרייע ארבייט וואס זיי לייגן אריין ביי טאג און ביינאכט לטובת די איינוואוינער אין קרית יואל, און באזונדער פאר מוה"ר יושע בלומענטאהל הי"ו, דער טשיף און קאארדינעיטאר פון חברה מצילי אש, פאר די געניטע ארבעט וואס ער פירט אן שטייענדיג אין שפיץ פון די אלע אקטיוויטעטן פון חברה מצילי אש.

## הכרת הטוב באערונג פאר די געטרייע ארבייט

אלס אנערקענונג און הכרת הטוב האט די ווילידזש באעהרט מיט ספעציעלע פלעקס די פייער טשיפס פון חברה מצילי אש, פאר זייערע פילע לייסטונגען פאר חברה מצילי אש א גאנץ יאר, מו"ה יושע בלומענטאל הי"ו, מו"ה אליעזר הערש ניימאן הי"ו, מו"ה יצחק בערנאטה הי"ו וועלכער איז געווען דער ערשטער פייער וואלונטיר אין קרית יואל, מו"ה יצחק הכהן פריעדמאן הי"ו, מו"ה מרדכי יודא הכהן פריעדמאן הי"ו, וועלכע ארבעטן שוין יארן מיט געטריישאפט און מסירות נפש פאר די הצלחה פון חברה מצילי אש.

נאכדעם האט מען באדאנקט מו"ה יצחק אייזיק כהנא הי"ו וועלכער פירט אן מיט געניטשאפט די ארבייט פון "פייער פאליס" צו דירעקטירן די טרעפיק ביי די פייער סצענעס, צו ערמעגליכן הילף אנצוקומען צייטליך.

## סיום המעמד: הרה"ח ר' יושע בלומענטאהל הי"ו

מיט א קורצע אבער הארציגע דרשה האט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' יושע בלומענטאהל הי"ו, וועלכער האט זיך צום ערשט באדאנקט פאר די געטרייע הנהלת הווילידזש וועלכע האבן געגרינדעט דעם חברה מצילי אש, און נאר אדאנק זייער איבערמידליכע ארבעט האט מען געקענט אהערשטעלן אזא מעכטיגן אפאראט.

דערנאך האט ער מחזק געווען די יונגעלייט וואס געבן אוועק זייער גאנצער לייב און לעבן צו ראטעווען אידישע קינדער, און ער האט געבעטן פון די יונגעלייט אז אזוי ווי מען ארבעט אינאיינעם די גאנצע חבריא איז זייער וויכטיג מקיים צו זיין דעם איש את רעהו יעזורו זיך ארויסצוהעלפן איינער דעם צווייטן מיט אלעם וואס איז מעגליך באהבה ואחוה ושלום ורעות.

נאך די דרשה האט הר"ר אהרן ארי' אייזענבערג נאכאמאל אויפגעטרעטן מיט קונצליכע גראמען וואו ער האט אויסגערימט די חשוב'ע וואלונטירן ארויסברענגענדיג די געוואלדיגע כשרונות פון יעדן איינעם און ווי שטארק יעדער גיבט צו צום סוקסעס פון די חבריא.

דערנאך האט מען באערט צוויי חשוב'ע וואלונטירן מו"ה מנחם שמואל פרענקל הי"ו און ר' מענדל הכהן פריעדמאן הי"ו, וועלכע פירן אן די וועכנטליכע פייער דרילס און געבן אכטונג אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב.

מיט ברכת המזון איז מכובד געווארן הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו ווילידזש אדמיניסטראטאר, וועלכער שטייט א גאנץ יאר צו די רעכטע האנט פון מצילי אש אין יעדן געלעגנהייט. און דערנאך האט מען פארטיילט א נוצבארע מתנה פאר די חשוב'ע וואלונטירן, און איז דער עולם איז זיך צעגאנגען אין א דערהויבענע שטימונג.

---

# מצילי אַש ספּראַוועט זיך מיט אויסגיסונג פון הײדראַליקס אויל

די מצילי אַש אַגענטור האָט זיך פּראָפעסיאָנאַל געספּראַוועט עטליכע וואָכן צוריק מיט אַן אינצידענט אין וועלכע הײדראַליקס אויל האָט זיך אויסגעגאָסן אויפ'ן שאָסיי.

עס האָט פּאַסירט אין די פאַרטאָגס שעה'ן עטליכע וואָכן צוריק, ווען אַ פּריוואַטע גאַרבעדזש טראָק פירמע, -א טראק וואס הייבט אויף דעם גארבעדזש קאנטעינער אין די הייעך און אזוי שאקלט ער עס אריין אינעם טראק - איז געקומען אויף רוזשין ראָוד אויפצונעמען די גאַרבעדזש פון אַ פּריוואַטן קאָמערשל קאָסטומער וועלכער ווערט נישט סערווירט דורכ'ן ווילידזש סאניטאציע דעפּאַרטמענט.

אינמיטן די אַרבעט האָט דער גאַרבעדזש טראָק געליטן אַ מעכאנישן פעלער, ווען איינע פון די בויגזאמע הײדראָליק פּייפּס האָט געפּלאַצט און עס האָט געשאַפן אַן אויסגוס פון הײדראָליק אויל אויפ'ן שאָסיי.

ווען עס איז אַ גרעסערן סאָרט אויסגוס דאַרף מען געזעצליך אַרויסרופן די קאַונטי'ס "העזערדאוס מאַטעריאַל" גרופּע (אין קורצן: "העזמעט"), אָבער היות עס איז געווען אַ קליינעם אויסגוס איז דאָס אַריינגעפאַלן אינעם פעלד פון עקספּערטיז פון די מצילי אש פייער גרופּע וועלכע איז געקומען העלפן.

די מצילי אש וואָלונטירן זענען טרענירט פאַר דעם און האָבן די נויטיגע געצייג און מאַטעריאַל זיך צו ספּראַוועןדערמיט. מען האָט גענוצט ספּעציעלע ספּאָנדזשעס-בומס אָפּצושטעלן די אויל פון זיך נישט צעשפּרייטן ווייטער, און מען האָט אויך אויסגעגאָסן אַ ספּעציעלן שטויב וואָס מען האָט צוגעגרייט אינעם מצילי אַש רעסקיו טראָק וואָס האָט איינגעזאַפּט די אויל און מען האָט דאָס געקענט אויפקערן.

דערמיט האָט מען דערגרייכט צוויי זאַכן, איינס אַז די שעדליכע אויל איז אָפּגערייניגט געוואָרן פון די גאַס און איז נישט אַריינגערינען אינעם וואַסער סופּליי דורך די דרעינידזש אָפּלויף סיסטעמען, און אויך אַז עס איז נישט געוואָרן אַ גליטש אויפ'ן שאָסיי וואָס דאָרטן איז אַ וויכטיגער דורכפּאָר וועג פאַר'ן גאַנצן געגנט. אויך האָט מען נישט געמוזט אַראָפּרופן די העזמעט גרופּע וואָס דאָס וואָלט געמאַכט אַ סומאַטאָכע פון עטליכע שעה און וואָלט בלאָקירט דעם טרעפיק אין די גאנצע עצי תמרים געגנט.

# אינטערוויו

## מיט די ווילידזש פובליק ווארקס דעפארטמענט

(פארזעצונג פון זייט 7)

**פובליק ווארקס:** ניין, די שארט-קאטס זענען נישט די אייגענטום פון די ווילידזש, אבער דאך טוט די ווילידזש צושטעלן דעם סערוויס פאר די איינוואוינער, ווייל די שארט-קאטס ווערן טעגליך באנוצט דורך הונדערטער פיסגייער, מענער, פרויען און קינדער, אין קרית יואל.

**הקרי׳:** ווי אפט קומען צו נייע שארטקאטס?

**פובליק ווארקס:** יעדעס יאר קומען צו נייע שארט-קאטס וואס ווערן אויסגעפלאסטערט איבער דעם גאנצן שטעטל. און מיר ארבעטן א גאנץ יאר אויף די שארט-קאטס נישט נאר אום ווינטער, ווייל די ווילידזש שטעלט צו לעקטער און אנדערע געברויכן פאר אלע שארט-קאטס א גאנץ יאר.

**הקרי׳:** ווערן די שארטקאטס אויך גערייניגט דורך דעם סיידוואק שארער טראק?

**פובליק ווארקס:** רוב שארט-קאטס קען נישט ווערן אויפגערייניגט דורך דעם סיידוואק שארער טראק, ובפרט דארט וואו עס איז דא שטיגן. דערפאר פארמאגן מיר גוים וועלכע רייניגן דאס מיט שאוולעך אין די האנט.

**הקרי׳:** פארמאגט די פובליק ווארקס אליין גענוג איינגעשטעלטע צו קענען אויפשארן אלע שארטקאטס אין איין טאג?

**פובליק ווארקס:** די פובליק ווארקס פארמאגט נישט אליין גענוג איינגעשטעלטע צו קענען אויפשארן אלע שארט-קאטס אין דעם זעלבן טאג, ביי א גרעסערע שניי דינגט מען פון נאך קאמפאניס, צו קענען וואס שנעלער האבן אויפגעשארט און געלייגט זאלץ אויף די שארט-קאטס.

**הקרי׳:** וואו נאך טוט די פובליק ווארקס אויפרייניגן די שניי אויסער די סיידוואקס פון דעם גאנצן שטאט?

**פובליק ווארקס:** די פובליק וואורקס איז אויך פאראנטווארטליך צו אויפרייניגן די אלע עמוירדזשענסי ערטער אין קרית יואל, ווי די הצלה גאראדזש און די מצילי אש גאראדזש, וועלכע מוזן שטענדיג זיין געפוצט כדי עס זאל נישט זיין ח״ו קיין שום אפהאלט ווען עס האנדלט זיך אין הצלת נפשות.

מיר רייניגן אויך פארשידענע פובליק פלעצער, ווי די קאמיוטער פארקינג לאט קעגן איבער דעם ביהמ״ד הגדול, און דער באס טערמינאל קעגנאיבער דעם שאפינג סענטער, אזוי אויך ביי דעם סוער פלענט וואו עס זענען סטאנציאנירט די סאניטעישאן טראקס, אז מען זאל קענען צוזאמענעמען די גארבידזש אין צייט.

**הקרי׳:** דער פארק און רייד ווערט אויך גערייניגט דורך די פובליק ווארקס?

**פובליק ווארקס:** ניין, די פארק און רייד ווערט נישט גערייניגט דורך די פובליק ווארקס, דאס האט די ווילידזש ארויסגעגעבן מיט א קאנטראקט פאר א קאמפאני וועלכע געבן זיך אפ מיט די מעינטענענס פון דעם פארק און רייד א גאנץ יאר, און זיי שארן אויך די שניי.

**הקרי׳:** וויאזוי איז די רעאקציע פון די איינוואוינער איבער די ארבעט ביי די שניי?

**פובליק ווארקס:** דער עולם איז ב״ה שטארק צופרידן, און עס דערקענט זיך שטארק דאס וואס די ווילידזש לאזט זיך קאסטן פאר די בעסטע עקוויפמענט, אז די ארבעט פון די פובליק ווארקס זאל דורכגעפירט ווערן מיט׳ן גרעסטן סוקסעס.

**הקרי׳:** וואספארא מעסעדזש וואלט איר איבערגעגעבן פאר די ליינער פון הקריה?

**פובליק ווארקס:** דער אמת איז אז עס איז דא זייער אסאך זאכן וואס דער עולם דארף וויסן אין דעם שניי סעזאן, אבער אויפן שפיץ גאפל קען מען זאגן איין זאך, אז מען דארף אלעמאל האבן אן אחריות צו טראכטן אויך פון א צווייטן, און דאס וועט אויטאמאטיש עלימינירן אסאך פראבלעמען, ווי צום ביישפיל אז מען וועט נישט פארקן אויפ׳ן ראוד ביי א שניי, און מען וועט נישט אוועקפוצן די אייגענע שניי ארויף אויפ׳ן ראוד, צו אפי׳ אויף די געשארטע סיידוואק, נישט פארן אויפן ראוד אין א סכנה׳דיגע וועטער וכדו׳ (אין אנדערע געגנטער טיילט מען טיקעטס מיט גרויסע שטראפן פאר די זאכן), דאס איז אלעס זאכן וואס שטעלן אריין אנדערע מענטשן אין א סכנה. וואס דער כלל איז באמת גילטיג א גאנץ יאר.

**הקרי׳:** א גרויסן יישר כח פאר׳ן אוועקגעבן פון אייער טייערע צייט צו געבן א באריכט פון די אקטיוויטעטן פאר אונזערע ליינער.

וכנה כנה ייצוב עמודעת באו חד בביר ל שהיא חות בבי הטים, דפוס

---

**VILLAGE OF KIRYAS JOEL**

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

# וויכטיגע מעלדונג

אזוי ווי אין די פארגאנגענהייט זענען געהאנגען געווארן פארשידענע

# סיינס און בענערס

אריבער די גאסן פון קרית יואל

וואס א טייל דערפון האבן געשטעלט א זיכערהייט געפאר פאר מענטשן און אויטאס וואס זענען אריינגעשטעלט געווארן אין א סכנה פון די טאוולען און זייערע צוגעהערן

דעריבער ווילן מיר מעלדן אז אזוי ווי דער ווילידזש פארמאגט אן אחריות אויף די זיכערהייט פון די גאסן אין שטאט

**דעריבער וועט דער ווילידזש זיין געצוואונגען פון היינט און ווייטער אראפצונעמען די אלע סיינס וואס ווערן געהאנגען אין גאס אויף א אומזיכערן אופן אן קיין אויסנאם**

---

מיר בעטן די אלע וואס ארגאנדזשירן מסיבות, פארטיס, וכדו׳, זאלן דאס צוקענטעניס נעמען

---

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און פארשטענדעניש

**דעפארטמענט אוו פאבליק ווארקס**

# נייע חברים ראַדיאָ סיסטעם

## טראַנספאָרמירט די קאָמוניקאַציע

### מעמבערס: קאָלס ווערן אַרויסגעגעבן און דורכגעפירט אין סעקונדען אַנשטאָט לאַנגע מינוטן

עס איז שוין פיר וואָכן זינט די "חברים" אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט'ן נייעם ראַדיאָ סיסטעם און עס האָט גענצליך טראַנספאָרמירט די קאָמוניקאַציע ווירטשאַפט אינערהאַלב די וויכטיגע אָרגאַניזאַציע, אַזש אַז מען קען זיך נישט גלויבן אַז מען האָט דאָס ביז יעצט נישט געטאָן.

ווי שוין געשריבן, האָט די אָרגאַניזאַציע גענצליך געטוישט דעם סיסטעם, קעגן אַמאָל וואָס מען פלעגט נוצן אַ טעקסט מעסעדזש און סעלפאָון סיסטעם צו אַ פולע ראַדיאָ סיסטעם, אַ שטייגער ווי די הצלה און די מַצילי אֵש.

די סיסטעם האָט אָפּגעקאָסט שווערע טויזענטער דאָלאַר, און איז צושטאַנד געקומען דורכ'ן ווילידזש וועלכע האָט אַהערגעשטעלט דאָס געלט מען זאָל דאָס קענען אויפשטעלן. אַ גרויסן דאַנק האָט מען אויך אָפּגעגעבן פאַר איינעם פון די געטרייעסטע "חברים" אין די "חברים" אָרגאַניזאַציע, וועלכער איז געווען דער איניציאַטאָר און שטויסקראַפט אונטער'ן פלאַן און האָט מידלאָזערהייט געאַרבעט עס צו ברענגען צום ווירקליכקייט.

צו פאַרשטיין וואָסערער גרויסער טויש און הילף דער נייער ראַדיאָ סיסטעם איז וויכטיג צו געבן אַ שטיקל שילדערונג וויאַזוי דער סיסטעם האָט אַמאָל געאַרבעט. עס איז צוגעגאַנגען ווי פאָלגענד: דער נצרך האָט אַריינגערופן פאַר הילף צום האַטליין, דער נומער 782-3111, די דיספּעטשערס האָבן אויפגעהויבן דעם קאָל און האָבן גענומען די אינפאָרמאַציע און האָבן אַרויסגעשיקט דעם קאָל אויף טעקסט מעסעדזש.

די "חברים" מעמבערס וועלכע האָבן גענומען דעם קאָל האָבן אַריינגערופן זאָגן אַז זיי נעמען דעם קאָל, און אַזוי איז דאָס אַרויסגעגעבן געוואָרן, און עס איז דערנאָך אַרויסגעגאַנגען אַ טעקסט מעסעדזש אַז די קאָל איז שוין געדעקט געוואָרן. אַז קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן האָט מען געשיקט אַ "צווייטע פאַרלאַנג" טעקסט מעסעדזש, און ווען אַ מעמבער האָט געדאַרפט הילף האָט מען אַרויסגעשיקט אַ "בעק-אַפּ הילף פאַרלאַנג" טעקסט מעסעדזש.

דער סיסטעם האָט היבש מאָל אונטערגעהונקעט, וואָרום טעקסט מעסעדזשעס קומען נישט אָן איינציג אין די זעלבע צייט, צוליב די פאַרשידנאַרטיגע סעלפאָון פירמעס וואָס די מעמבערס נוצן, דאָס האָט געמיינט אַז מעמבערס האָבן רעאַגירט צו קאָלס וואָס זענען שוין געווען געדעקט.

אויך ווען דער טעקסט מעסעדזש פאַר אַ קאָל פלעגט אַרויסגיין פלעגן פילע מעמבערס זיך אויפאיינמאָל אָנרופן צום האַטליין און דער סיסטעם איז איבערגעלאָדענט געוואָרן, אַזוי האָט דאָס פּאַסירט אויך ווען דער "צווייטער פאַרלאַנג טעקסט מעסעדזש" איז אַרויסגעגאַנגען א.א.וו.

דאָס קאָמוניקירן מיט טעקסט מעסעדזשעס און טעלעפאָן רופן האָבן היבש פאַרשווערערט די קאָמוניקאַציע און האָבן צוגעלייגט אַ האַלבע שעה אין דורכשניט צו יעדע הילפס רוף.

אַצינד מען האָט איינגעפירט דעם ראַדיאָ סיסטעם און עס איז געוואָרן אַ גרויסע פאַרלייכטערונג, די קאָלס ווערן גלייך אַרויסגעגעבן צו די "חברים" מעמבערס דורכ'ן ראַדיאָ, און די קאָמוניקאַציע גייט בליץ שנעל.

די "חברים" מעמבערס זענען אויסגעשטאַט מיט די סאַמע סאָפיסטיקירטסטע ראַדיאָס וואָס האָבן אַסאַך מעלות, איינע פון זיי, אַז היות מאַנכע זענען אויך מיטגלידער אין מַצילי אֵש, איז אָנגעשטעלט אַז דער ראַדיאָ אַרבעט פאַר ביידע טראַנסמיסיעס, אָבער די מַצילי אֵש זענדונגען באַקומען דעם פריאָריטעט ווי פאַרשטענדליך.

אויך זענען די ראַדיאָס סאָפיסטיקירט אַז עס פּאַסירט נישט דעם פּראָבלעם פון "אַריינרעדן". דאָס מיינט ווי פאָלגענד: ביי סתם ראַדיאָס, איז ווען וואָלונטיר 1 רעדט צו וואָלונטיר 2, און אינצווישן רעדט אַריין וואָלונטיר 3, איז אויב וואָלונטיר 3 איז נענטער מיט זיין ראַדיאָ צו וואָלונטיר 1 ווי איידער וואָלונטיר 2, קען ער מיט זיין ראַדיאָ זיך איבערשטאַרקן אויף די כוואַליעס פון וואָלונטיר 2, און וואָלונטיר 1 הערט אים, אַנשטאָט הערן דאָס וואָס וואָלונטיר 2 רעדט צו אים.

די פּראָבלעם רופט זיך "אָוועורסטעפּן" און דאָס איז אַ פּראָבלעם ביי ראַדיאָ טראַנסמיסיעס, און נישט אַלעמאָל כאַפּט מען זיך אַז דאָס פּאַסירט און עס ברענגט אַ צומושעניש. אַסאַך מאָל קענען קיינע פון די דריי זיך נישט צונויפרעדן פאַר אַ ווײַלע ווייל די ראַדיאָ כוואַליעס ווערן צומישט.

ביי די נייע ראַדיאָס וואָס די "חברים" מיטגלידער האָבן איז עס אויסגעשטאַט "דיזשיטאַל" אַז עס לאָזט נישט רעדן אויב עס וועט קומען צו אַ צושטאַנד פון "אָוועורסטעפּן", און אַזוי גייט די קאָמוניקאַציע צו בעסער אַן אָנדעם וואָס איינער זאָל צומישן דעם צווייטן, אַ שטייגער ווי די אַמאָליגע "נעקסטעל דיירעקט קאָנעקט" רעדעס (געדענקט איר דאָס נאָך?) וואו מען האָט נישט געקענט אַריינהאַקן.

די נייע ראַדיאָ סיסטעם איז אַ גרויסער הילף פאַר די וואָס רופן "חברים" פאַר הילף, ווייל קאָלס ווערן געדעקט שנעלער און פלינקערע. דאָס איז ספּעציעל אַ מעלה ווינטער ווען אַ מענטש וואַרט אַמאָל אין די פראָסטן זייענדיג אויסגעשפּאַרט פונעם קאַר אָדער מיט אַ פלעט טייער, וכדומה.

תושבי קרית יואל און בפרט די "חברים" מעמבערס און דיספּעטשערס דרוקן דערמיט אויס אַ הערצליכן דאַנק פאַר די הנהלת ה'ווילידזש פאַר'ן צושטאַנד ברענגען דעם נייעם ראַדיאָ סיסטעם סיי דורך פינאַנציעלע הילף און אויך טעכנישע ראַט, און אַזוי איז דאָס יעצט אין דינסט צום צופרידנהייט פון יעדן.


# געטרייע עלטערן!

האט רחמנות אויף אייערע קליינע קינדערלעך, און מאכט זיכער אז זיי גייען אין די טונקעלע שעה'ן, מיט

# רעפלעקטארס!!!

*אויב ח"ו עס פאסירט אן אומגליק, השם ישמרנו, וואס וועט מען ענטפערן אויף די ציפעדיגע פראגע:*

# "פארוואס האט איר נישט אנגעהאט ביינאכט קיין רעפלעקטאר"???


### מאָוו-אָווער געזעץ מיינט אויך געבן די נויטיגע פּלאַץ פאַר "חברים" וואָלונטירן ביי אַ אויטאָ סצענע

עס איז וויכטיג אויפצופאָדערן מענטשן אַז אין די סטעיט איז אַריינגעקומען אַ נייער געזעץ וואָס רופט זיך די מאָוו-אָווער געזעץ.

די געזעץ מיינט אַז ווען מענטשן קומען אָן צו אַן אָרט פון אַ געשטראַנדעטע אויטאָ און עס שטייט דאָרטן אַ שלעפּער טראָק אָדער אַפילו וואָלונטירן וואָס אַרבעטן צו העלפן דעם באַטראָפענעם דאַרף מען זיך געזעצליך פאַרשטאַטערן און אויב מעגליך אַריינציען אין אַ ווייטערע ליניע כדי צו געבן גענוג פּלאַץ פאַר די וואָלונטירן עס זאָל נישט קומען צו קיין עקסידענט.

די געזעץ איז פעליג אויך אויף די "חברים" וואָלונטירן אַז ווען זיי שטייען אויף אַ סצענע מיט די בליטשקענדיגע "עמבער" ליכט, וואָס דאָס מיינט אַז הילפס וואָלונטירן זענען ביי די אַרבעט ביי אַ געשטראַנדעטע אויטאָ ביים זייט פונעם שאָסיי און מען מוז זיך געזעצליך פאַרשטאַטערן און אַוועקרוקן אין די זייט.

די פּאָליציי פּאָרסירן יעצט שטאַרק דעם געזעץ ווייל עס איז אַ נייער געזעץ, און תושבי קרית יואל דאַרפן דאָס צום קענטעניס נעמען כדי צו פאַרמיידן עגמת נפש פון פּאָליציי טיקעטס.

# גרויס שפאנונג און ערווארטונג צום מעמד קביעות מזוזה וחינוך "ביהמ"ד דברי יואל דקיט"ל" אויף פראג בולעווארד

### כ"ק מרן רבינו שליט"א וועט קובע זיין א מזוזה אויפ'ן נייעם ביהמ"ד לשמו ולזכרו פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע - נאך א רינגעלע אין קייט פון בתי מדרשים וואס ווערן אויפגעבויעט אין די לעצטערע יארן אין אלע ווינקלען פון שטאט

(פארזעצונג פון זייט 1)

פאר'ן אויבערשטן, האט ער שוין צוגעשטעלט דעם ביהמ"ד גלייך ביים פארענדיגן די ערשטע דירות, נאך אפי' פאר'ן קלאוזן אויף רוב בילדינג, אז די איינוואוינער זאלן נישט דארפן ווארטן ביז דער גאנצער דעוועלאפמענט ווערט פארענדיגט.

אבער נאך פיל מער פון דעם ווערט געשעצט דאס צוגרייטן דעם ביהמ"ד מיט יעדע דעטאל, געפעינט, געסקרעיפט, און אינסטאלירט א שיינעם ארון קודש, הערליכע שענק, לעקטערס, טישן, בענק, עמודים באלעמער, אא"וו אלע צוגעהערן וואס א ביהמ"ד ברויך דארף צו האבן.. וואס דאס איז טאקע די ריכטיגע ציל צוצושטעלן די רוחניות'דיגע געברויכן פונקט אזוי שיין און פונקטליך ווי די גשמיות'דיגע געברויכן פון די קונים.

## להורות דבר ה'

מיט א צייט צוריק האבן די איינוואוינער אויפגענומען מיט צופרידנהייט אז צווישן די נייע תושבים אין דעם געגנט וועט הרה"ג ר' דוד יצחק ווערצבערגער שליט"א מו"ץ זיך קובע משכנו זיין אין די געגנט און וועט בעז"ה שטיין לשרת את הציבור בדבר ה' זו הלכה, אזוי ווי עס איז איינגעפירט געווארן מאז ומקדם ע"י רבותיה"ק זי"ע אז אין יעדן ביהמ"ד פון אנ"ש זאל זיך געפינען א מורה הוראה אויפ'ן ארט להורות את בנ"י לדעת את המעשה אשר יעשון.

## חגיגת חינוך הביהמ"ד

אצינד ווען דער ביהמ"ד איז פארענדיגט געווארן אין א מזל'דיגע שעה, גרייט מען זיך צום גרויסארטיגן מעמד חינוך "ביהמ"ד דברי יואל" בהשתתפות כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכער וועט קובע זיין א מזוזה בהיכל הביהמ"ד, אין די קומענדיגע טעג..

די שמחה איז גאר גרויס ביי אלע תושבים פון דעם נייעם אויפגעבויטן געגנט, ווען עס וועט נתחנך ווערן ברוב פאר וכבוד דער נייער מקום תורה וואס פארשפרעכט צו זיין א הערליך ווינקל פאר תורה ותפילה וואו די ארטיגע איינוואוינער וועלן קענען קובע זיין שיעורין תמידין לתורה ועבודה.

שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה.

# שמחה דקדושה אין שכונת ברך משה צו שנעלע פארשריט ביים הקמת ביהמ"ד החדש "ישמח משה" דקיט"ל

(פארזעצונג פון זייט 1)

איז פולקאם אויסגעגראבן געווארן, און אין די לעצטערע וואכן זענען שוין די צעמענטענע יסודות געגאסן געווארן, און די פילצאליגע תושבי העיר – וועלכע פארן פארביי – האלטן מיט טאג טעגליך מיט די אינטענסיווע פארשריט, זעענדיג וויאזוי די שטאקן ווערן צוביסלעך ארויפגעצויגן בסייעתא דשמיא, און מ'וואונטשט זיך צום 'ותשלם כל המלאכה' בקרוב ממש, לשמחת כולם.

## ובחומותי יד ושם!

בו בזמן וואס די מלאכת הבני' ווערן פארגעזעצט מיט א העפטיגן פיבער אהערצושטעלן דעם פראכטפולן בית מקדש מעט אויפגעשטעלט כלול בהדרו דאס שנעלסטע וואס מעגליך, איז גלייכצייטיג פארמירט געווארן א ספעציעלער 'קרן הבנין – פאנדרעיזינג קאמיטע', וועלכע וועלן בעז"ה ארומגיין על פתחי נדיבים בעם, הנגידים החשובים תלמידי וחסידי סאטמאר ותושבי קרית יואל שיחיו, אויפצווארבעטן גרעסערע נדבות און פארקויפן זכותים אדירים פון תורה, עבודה, גמילות חסדים אינעם נייעם פראכטפולן בית מקדש מעט, צו קענען דעקן די ריזיגע בוי-קאסטן וואס דער ריזיגער אונטערנעמונג ציעהט אריין.

אויפשטעלן קיין בתי מדרשים איז שוין היינט נישט קיין נייעס, ובפרט אינעם קרית מלך רב – קרית יואל, ווען פרישע בתי מדרשים לתורה ולתפילה ווערן רעגלמעסיג אויפגעשטעלט אלס פראכטפולע תורה ותפילה צענטערן פאר פילצאליגע תושבים פון די געגנטער.

אבער דער איצטיגער מקום תורה ותפילה וועט בעז"ה ערפולן א שטארקער חלל וואס שפירט זיך שוין עטליכע חדשים, און דער נחיצות הענין ווערט בלויז פארשטערקערט מיטן יעדן פארבייגייענדער טאג, ווען אלע זענען עדות אז דער הערליכער און שפרודלדיגער געגענט "שכונת ברך משה" שטייגט אויס אלס איינע פון די גרעסטע געגענטער דאהי אין די שטאט, ספעציעל נאכדעם וואס מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א האט ממנה געווען חתנו כבנו הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א צו דינען אלס רב ומו"צ אינעם ביהמ"ד, איז שטארק ניתוסף געווארן א רוח של תורה אין די גאנצע געגענט, אויפהייבנדיג די גאנצע סביבה עשר מעלות רמות, אריינברענגענדיג פולע הויפענעס מיט התרוממות אין די גאנצע אומגעגנט, זייענדיג משפיע מהוד תורתו מיט שיעורים תמידין מידי יום ביומו ומידי שבת בשבתו.

און דערפאר ווערן די מעלדונג אנטפאנגען מיט אזא אויסטערלישע שמחה יתירה, סיי ביים ברייטן ציבור תלמידי וחסידי סאטמאר ותושבי קרית יואל, און באזונדער ביי די אריבער צוויי הונדערט תושבי השכונה, און הונדערטער צוקונפטיגע תושבים שיחיו.

## הרימו תרומה לה'!

מטעם דער "קרן הבנין – פאנדרעיזינג קאמיטע" וועט בעז"ה בקרוב אונטערגענומען ווערן א מאסיווער קאמפיין פארצושלאגן פאר נדיבים בעם ובעלי יכולת, אפצוקויפן א רייע פון זכותים אדירים ונשגבים אינעם בנין בית המדרש, אלס זכות נצחי פאר זיך אדער פאר נשמות פון עלטערן און קרובים בעולם העליון.

אין די זעלבע צייט וועט עס זיין א אויסטערלישע זכי' עצומה זיך אנצושליסן מיטן אויפבוי פונעם ביהמ"ד "ישמח משה", וועלכע איז נקראת על שמו פונעם מרן הרה"ק בעל ישמח משה זי"ע, אבי השלשלת פון מרנן רבותינו הק' עצי התמרים זצוקללה"ה, און וועט זיכער זיין לנחת רוחם בגנזי מרומים.

תלמידי וחסידי סאטמאר בכלל, און די תושבי השכונה בפרט, וואונטשן פאר די אלע חשוב'ע עסקנים וועלכע זענען עוסק אין דעם פראיעקט, אז זיי זאלן ווייטער מצליח זיין אין זייער אונטערנעמונג להרחבת גבולי התורה והקדושה, ולהגדיל תורה ולהאדירה.

זיך צו פארבינדן מיטן "קרן הבנין קאמיטע" רופט אויף 347.699.6726.

השלם זה הבנין!

# הולכים בערכאות געבן אריין "נאָטיץ אָוו אַפּיעל" צו קענען אפעלירן געריכט אורטייל איבער'ן ווילידזש עקזיסטענץ

(פארזעצונג פון זייט 3)

געאורטיילט, אזוי ארום ווילן זיי ווידער אריינשלעפן קרית יואל אין געריכט.

יעצט איז נאך דא עטליכע וואָכן צייט ביז ווען זיי וועלן דארפן אריינגעבן פאפירן צום געריכט אויפצואווייזן זייערע טענות קעגן דעם אורטייל פון ריכטער רעיקאף.

תלמידי וחסידי סאטמאר איבער די וועלט בכלל און פון קרית יואל בפרט, זענען ווייטער מתפלל און האפן צו השי"ת אז כאשר החילות לנפול לפניו לא תוכל לו, און די מוסרים וועלן נישט מצליח זיין מיט זייער פרואוו חרוב צו מאכן אלעס וואס רביה"ק זי"ע האט אויפגעבויעט, און מען קוקט נאך ארויס אז זיי וועלן זיך בארעכענען און צוריקציען פון זייער שענדליכע מעשים קעגן אזא הייליגע שטאט.

למה זה אתם עוברים את פי ה' והיא לא תצלח.


UNITED STATES DISTRICT COURT
SOUTHERN DISTRICT OF NEW YORK

KIRYAS JOEL ALLIANCE, et al.,

Plaintiffs,

-v-

VILLAGE OF KIRYAS JOEL, et al.,

Defendants.

11 Civ. 3982 (JSR)

FINAL JUDGMENT

JED S. RAKOFF, U.S.D.J.

On November 28, 2011, the Court issued an Opinion and Order granting defendants' motions to dismiss plaintiffs' Amended Complaint. All claims were dismissed with prejudice, with the exception of the Establishment Clause claim relating to the Community Room Law. That claim was dismissed without prejudice to plaintiffs filing a Second Amended Complaint to attempt to cure the deficiencies identified in the Opinion. By letter dated December 10, 2011, plaintiffs informed the Court that they do not plan to amend their Complaint. Instead, they ask the Court to enter final judgment dismissing this matter so that the plaintiffs may appeal the Court's decision.

Accordingly, final judgment is hereby entered dismissing all claims with prejudice.

SO ORDERED.

JED S. RAKOFF, U.S.D.J.

Dated: New York, NY
December 14, 2011

**פיינעל אורטייל פון ריכטער רעיקאף**
**וואס די אנקלעגער האבן אריינגעגעבן דערקעגן א "נאטיץ אוו אפיעל"**

**יעדן איינציגן טאג!**
**וואס איר גייט נישט מיט קיין רעפלעקטאר**
**קען ח"ו זיין א שאדן וואס איר וועט זיך קיינמאל נישט מוחל זיין!**
**גייט מיט א רעפלעקטאר, ובזכות זה זאלט איר בעז"ה אפגעהיטן ווערן פון אלערליי עקסידענטן!**

# ביהמ״ד החדש ״ישמח משה״ בשכונות ברך משה





כ״ק רבינו שליט״א פארגאנגענעם ג׳ בא נאכן לייגן תפילין פארן אייניקל בנו לחתנו רב הביהמ״ד שליט״א - ביים באזוכן אינאיינעם מיטן רב שליט״א די פארשריט פון די נייע ביהמ״ד און הערן די דעטאלן פון די ארבעט



מען האלט שוין ביי א שטאק ארויף



ארומגעייענדיג ביי די פארשידענע חלקי הבנין - ווערט געזען דער ביז-איצטיגער בנין המקוה



פילע טראקס ביי די ארבעט פון גיסן דעם פונדאמענט



די יסודות פונעם בנין שטייט שוין כליל בהדרו

ביהמ"ד החדש והמפואר

# "ישמח משה"

## דקהל יטב לב ד'סאטמאר

"שכונת ברך משה", קרית יואל יצ"ו

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

## "בונים היכל לה' אלקי ישראל"

די בוי ארבעט אין פולן שוואונג!







נכון יהיה הר בית




# גדול יהיה כב

## ברוך אשר יקים את

טייערע אנ"ש, אחים לדעה, נגידי ונדיבי עם:
איר האט יעצט א זעלטענע גאלדענע געלעגנהייט אשר לאו בכל יו
נאמען אדער אייערע נאנטע און באקאנטע, אין דעם נייעם בית מקד
פאר תורה ותפלה וטהרה בישראל, פאר הונדערטער ערליכע היימי
ברך משה", מיד ולדורות ביז משיח'ס טאג במהרה.

לאזט נישט ארויס אזא זעלטענע קליינע אינוועסטמ

צו קויפן גרעסערע זכותים און נעמען א חלק אין 'קרן הבנין',
אדער הרבני מוה"ר שלום משה עקשטיין ה

והביאותים אל הר קדשי

# ועשו לי מקדש
# ושכנתי בתוכם



## בעיסמענט
- מקוה
- שמש שטיבל
- 4 חדרי תפלה
- קאווע שטיבל

## ערשטע שטאק
- היכל ביהמ"ד
- בית הוראה
- גמ"ח שטיבל
- קאווע שטיבל
- קאוט-רום

## צווייטע שטאק
- עזרת נשים

ה' בראש ההרים
(ישעיה ב')




# וד הבית הזה

## דברי התורה הזאת!

ם מתרחיש, זיך איינצוקויפן א זכות אדיר לנצח, און פאראייביגן אייער
ש מעט, וואס וועט אי"ה דינען אלס דער לייכט-טורעם און צענטער
שע אידן, זקנים עם נערים, אין די נייע שפרודלדיגע געגנט "שכונת

ענט מיט ענדלאזע גאראנטירטע רווחים בזה ובבא!

קענט איר רופן דעם קרן הבנין קאמיטע אויף: (347) 699-6726
י"ז חבר ועד קרן הבנין אויף: 845-662-2095

ושמחתים בבית תפלתי
(ישעיה נ"ו)

# דער נייער "בית המדרש דברי יואל דקיט"ל" אויף פראג בולערווארד
# כליל בהדרו גרייט מיט אלע צרכי ביהמ"ד













**אנשי שלומינו דקרית יואל**

**KIRYAS JOEL ANASH**

51 Forest Rd. Suite# 390 Monroe N.Y. 10950


# ברכה משולשת

## ברכת התורה

ביקרא דאורייתא מברכים אנו בזה את כבוד רב האי גאון, מורה ודאין, אוצר בלום, נופך ספיר ויהלום,
משיב תשובות נכונים, ומקבל כל אדם בסבר פנים, ה"ה

הרה"ג **רבי דוד יצחק ווערצבערגער** שליט"א

מו"ץ דקהלתינו הק'

חתנו של הרבני הנגיד מוה"ר **דוד עקשטיין** שליט"א פרעזידענט דקהילתינו הק'

מה נכבד היום, כי זכה למרבית המשרה אשר שם לו מרן רבינו הגה"ק שליט"א למורה צדק

**בביהמ"ד "דברי יואל" דקהלתינו הק'**

ויהא רעוא מן קדם מרן דבשמיא שוכן מעונים, שיזכה להרביץ תורה ולהאדירה רבות בשנים,
לדון ולהורות את דבר ה' זה הלכה בכל עידנים.

## ברכת הנהנין

וכאן המקום להודות ולהלל ולשבח לאלו העוסקים בצרכי ציבור באמונה

**אשר על ידם היגיענו עד הלום, בפתיחת שערי בית המדרש הנ"ל לתורה ולתפלה**

ה"ה אנשי המעש המסורים בכל לב ונפש לכל צרכי תושבי עירינו המעטירה, בראש וראשון הרה"ח המפורסם

מוה"ר **אברהם ווידער** שליט"א, מעיאר דקרית יואל

ואתו עמו חברי הווילידזש באורד, ה"ה

הרה"ח מוה"ר **משה גאלדשטיין** נ"י – הרה"ח מוה"ר **יעקב ישראל פריינד** נ"י

הרה"ח מוה"ר **שמואל אהרן לאנדא** נ"י – הרה"ח מוה"ר **יעקב אלי' רייזמאן** נ"י

ושלוחם הנאמן הרה"ח מוה"ר **גדלי' סעגעדין** נ"י, ווילידזש אדמיניסטראטאר

אשר ברוחב בינתם, וברוב מסירותם, ורב פעולתם, זכו להרים קרן התורה והתפלה בעירנו באופן נשגב מאוד,
והיינו דאהני להו שעל ידם נתרחבו גבולי הקדושה בכל מרחבי עירנו באופן בלתי ישוער, ועוד ידם נטויה בעז"ה!

וכל מי שעוסקין בצ"צ באמונה ומייחדים בתי כנסיות לתפלה, הקב"ה ישלם שכרם ויזכו להרבות ולהטיב כאשר בלבבם שתולה.

## ברכת הודאה

דורשין בכבוד בעל האכסניא, טוב עין הוא יבורך, ה"ה הרבני הנגיד רודף צדקה וחסד

מוה"ר **משה מרדכי מאיערס** נ"י

הוא הגבר אשר בנה ומקים בתים נאמנים בתוככי עירנו, נודע בשערים בצדקתו וישרותו

**אשר זכה וזיכה את הרבים בבניית ושיפוץ ביהמ"ד החדש הלזו**

לצורך העשרות תושבים של הדירות שבנה ברחוב הנ"ל

**ועוד זאת הוסיף מש"ה מדעתו להספיק כל צרכי ביהמ"ד בעין יפה, ספסלי ביהמ"ד, הארון קודש והתיבה,
ובימת הספר תורה, מש"ה תיקן להם לישראל שיפוץ הביהמ"ד ברוב פאר והדר כראוי וכיאות לבית ה'**

יצוה ה' חסדו בשפע ברכה והצלחה ישמח מש"ה במתן נחליאל, וימלא ה' לטובה כל משאלות לבו עדי נזכה במהרה לבנין אריאל,
ואז ישיר מש"ה ובני ישראל, ומלכנו בראשינו, אכי"ר

בברכות והודאות, **אנשי שלומינו דקרית יואל**

# אקטועלע פראגעס און ענטפערס בנוגע די סעקשאָן 8 וועיטינג ליסטע

**פראגע: מען האט פובליצירט אז מען קען אצינד אפלייען פאר סעקשאַן 8, מיינט דאס אז די אמעריקאנער רעגירונג האט אויסגעטיילט פרישע סעקשאַן 8 סלאָטס?**

ענטפער: ניין, דער אפיס אין מידעלטאון האט נישט באקומען קיין נייע סלאָטס, דער יעצטיגער עפענונג פון דעם וועיטינג ליסט איז צוליב וואס עס ווערן פון צייט צו צייט וועוילעבל סעקשאַן 8 סלאטס פון אנדערע מענטשן וואס האבן פארמאגט סעקשאַן 8 און זענען אראפגעגאנגען פון דעם פראָגראַם.

דער סיסטעם איז אויסגעשטעלט אז לויט וויפיל סלאָטס עס זענען ארויסגעגעבן געווארן דורך די רעגירונג, אזויפיל מענטשן קענען געניסן דערפון, און ווען איינער וואס פארמאגט סעקשאַן 8 פאלט אראפ פון די ליסטע, צוליב וואס זיינע פארדינסטן העכערן זיך אז ער איז שוין מער נישט בארעכטיגט צו געניסן פון דעם פראָגראַם, אדער ער מופט צו אן אנדערע געגנט און פאר סיי וועלכע סיבה בלייבט פריי זיין סלאָט פאר אנדערע, אדער פאר'ן נישט נאכקומען סיי וועלכע פון די אלע פארשריפטן פון די אגענטור'ן, מאכט ער פריי פאר אנדערע אפליקאַנטן פון די "וועיטינג ליסט" ארייזצוקומען אנשטאט אים.

**פ: אבער דער מידעלטאון אפיס שרייבט דאך אז זיי עפענען א נייע וועיטינג ליסט און עס גייען זיין טויזנטער געניסער?**

ע: אזוי ווי די מידעלטאון אפיס פירן אן מיט טויזנטער קעיסעס, דעריבער מאכט זיך אלעמאל אז מענטשן מופן אוועק אדער פאלן אראפ פאר אנדערע סיבות פון סעקשאַן 8 און דעריבער קען מען פריש עפענען א וועיטינג ליסט נאך יעדע עטליכע יאר פאר פרישע אפליקאַנטן, ארויפצוגיין אויף די רייע אויף ווען עס וועט זיך מאכן די קומענדיגע געלעגנהייט. אבער ווי געזאגט איז דאס אלעס נישט קיין נייע וואוטשערס, די נייע וועיטינג ליסט טוט נאר ערפילן דעם ארט פון די געוועזענע אפליקאַנטן וואס זענען געווען אויפ'ן פראָגראַם און זענען אראפ דערפון.

**פ: פארמאגט די קרית יואל האוזינג אפיס אויך די זעלבע פראצעדור?**

ע: יא, עס איז די פעדעראלע גאווערמענט וואס האט איינגעפירט די וועג פון האלטן א וועיטינג ליסט א גאנצן צייט, און יעדע אפיס וואס פירט אן מיט סעקשאַן 8 טוט די זעלבע זאך, אבער אזוי ווי די קרית יואל'ער ליסטע רוקט זיך זייער צוביסלעך, דעריבער דויערט זייער לאנג ביז מען קען עפענען א פרישע וועיטינג ליסט.

**פ: וואס איז טאקע די סיבה אז מער נייע משפחות באקומען סעקשאַן 8 פון מידעלטאון ווי פון קרית יואל?**

ע: די סיבה דערצו איז פשוט, אין קרית יואל וואוינען קעיה"ר פולע קינדער געבענטשטע פאמיליעס מיט קליינע פארדינסטן, און דאס מאכט אז מענטשן זאלן זיך האלטן לענגער אויף דעם פראָגראַם, און דעריבער קענען מענטשן ווארטן אויף די קרית יואל האוזינג "וועיטינג ליסט" לאנגע יארן ביז זיי קענען באקומען סעקשאַן 8. משא"כ אין מידעלטאון צווישן אזא גרויסע צאל מענטשן טוישט זיך מער אפטער די ליסטע, חוץ מזה ווייזט דער פאקט אז מענטשן מופן זעלטן אוועק פון קרית יואל, משא"כ ביי די אנדערע געגנטער אין די קאונטי איז א רוטינע זאך אז מענטשן ציען זיך אוועק פון די געגנט, און דעריבער איז פאראן אסאך א גרעסערע שאנס מען זאל נישט דארפן ווארטן אזוי לאנג צו קענען באקומען סעקשאַן 8.

**פ: אויב בין איך שוין אויף די ק"י האוזינג וועיטינג ליסט, און ווי געזאגט קען עס נאך געדויערן יארן, קען איך יעצט ארויפגיין ביי מידעלטאון וועיטינג ליסט?**

ע: קלאר אז יא, עס איז נישט קיין סתירה אז מ'איז אויף צוויי וועיטינג ליסטעס אדער מער, און עס קען מעגליך זיין אז עס וועט שנעלער אנקומען די וועיטינג ליסט צו אייך דורך מידעלטאון סעקשאַן 8.

**פ: ווערט יעדער וואס שיקט יעצט אריין אן אפליקאַציע ארויפגיין אויף די וועיטינג ליסט?**

ע: ניין. עס וועט צוגיין דורך א גורל, נאך די צוויי וואכן וואס מען קען אריינשיקן אפליקאַציעס וועלן אלע אפליקאַנטן אריינגיין אין א גורל און וואו עס וועלן זיין 3,500 געווינער ארויפצוגיין אויף די וועיטינג ליסט.

**פ: וועל איך זיין פריער אויף די וועיטינג ליסט אויב איך שיק אריין אין די ערשטע מעגליכקייט דעם אפליקאַציע?**

ע: ניין, ערשטנס דארף מען וויסן אז אויב איז דאס אריינגעשיקט געווארן (געזיגעלט דורך די פאסט אפיס) פאר JAN/23 למס' וועלן זיי ניטאמאל עפענען די בריוו, און די אפליקאַציע וועט ווערן אוועקגעווארפן. אבער אפי' די וואס שיקן נאך דעם אנגעגעבענעם דאטום וועלן נישט האבן קיין פארצוג פון די וועלכע שיקן דאס מיט עטליכע טעג שפעטער, נאר יעדער וועט אריינגיין צוזאמען אין גורל.

**פ: אויב מען טראגט פערזענליך אראפ די אפליקאַציע וועט דאס עפעס אויסמאכן צו זיין פריער אויף דעם וועיטינג ליסט?**

ע: ניין, אדרבה זיי וועלן דאס נישט אננעמען, ווייל זיי פארלאנגען אויסדרוקליך אז דאס זאל געשיקט ווערן דורך די פאסט.

**פ: וועל איך וויסן צו איך האב געוואונען ארויפצוגיין אויף די וועיטינג ליסט?**

ע: יא, די אלע דריי טויזנט געווינער וועלן באקומען אויף פאסט א בריוו ביז ארום שבועות צייט, דאס מיינט אז אויב ביז דאן באקומט איר נישט קיין בריוו זענט איר ווארשיינליך נישט ארויסגעקומען ביים גורל.

**פ: ווילאנג בערך קען דויערן פאר א געווינער ביז די וועיטינג ליסט קומט אן צו אים?**

ע: זיי זאגן אז די דורכשניטליכע צייט דויערט בערך דריי יאר.

**פ: וואס פארלאנגט זיך פון דעם וואס שרייבט אונטער די אפליקאַציע?**

ע: צו זיין 18 יאר אלט, און אריינשיקן פראָוו אָוו אַדרעס.

**פ: וועלכע זאכן קענען גענוצט ווערן אלס פראָוו אָוו אַדרעס?**

ע: מען קען נוצן יוטילעטי בילס, בענק סטעיטמענטס, פעי סטאַבס, א W2, אדער סיי וועלכע איי-די מיט אן אדרעס, וויצב"ש דרייווערס לייסענס, אדער א נאן דרייווערס איי-די.

מען קען "נישט" שיקן קיין פאספארט, און נישט קיין סטעמפד ענוועלאופ אדער א וועידזש לעטער, אד"ג.

**פ: אויב האט דער באטרעפענדער נישט קיין פראָוו אָוו אַדרעס, וואס איז די עצה?**

ע: אויב האט איר נישט קיין שום ביל אדער אידענטיפיקאציע, דאן אויב האט איר נאכנישט קיין לייסענס אדער נאן דרייווערס איי די, איז יעצט די צייט דאס צו מאכן און קענען נוצן אלס פראָוו אָוו אַדרעס.

**פ: צי דארף די אדרעס וואס איך גיב אריין פאר פראוו אוו אדרעסס זיין בארעכטיגט פאר סעקשאַן 8?**

ע: ניין, איר קענט נאך מופן צו אן אנדערן אדרעסס ביז נאכ'ן ווערן באשטעטיגט מיט א סעקשאן 8 וואוטשער.

**פ: קען א משפחה מיטגליד באזונדער אפלייען אין אריינשיקן אַן אפליקאַציע?**

ע: אויב איז ער אין די זעלבע דירה ווי עס איז שוין דא א סעקשאַן 8 וואוטשער פונעם מידעלטאון אפיס וועט נישט אנגענומען ווערן א פרישע אפליקאַציע, אבער אויב וואוינט ער אין אן אנדערע דירה, און ווי פארלאנגט שיקט ער אריין פראָוו אָוו אַדרעס קען ער באזונדער אפלייען.

**פ: וואס וועט פאסירן אויב עס ווערט אריינגעגעבן צוויי אפליקאציעס פון דעם זעלבן אדרעס?**

ע: אויב זיי וועלן באקומען צוויי אפליקעישאנס פון די זעלבע אדרעס וועלן זיי נישט אויסקלויבן איינס אדער די אנדערע, נאר זיי וועלן ביידע ארויסווארפן.

**פ: קענען איינוואוינער פון ברוקלין און אנדערע געגנטער אויך יעצט אפלייען פאר סעקשאן 8 ביי די מידעלטאון אפיס?**

ע: יא, מען קען אויך אפלייען, און שרייבן דעם יעצטיגן אדרעס פון ברוקלין וכדו', און ווען עס וועט אנקומען זיין רייע וועט דער באטרעפנדער דארפן אהער מופן קיין אראנדזש קאונטי צו קענען באקומען דעם סעקשן 8 וואוטשער.

**פ: ברויך מען אויספולן די סורוועי' וואס ווערט מיטגעגעבן מיט די אפליקאציע?**

ע: זיי בעטן דאס אויסצופולן כדי דורכצופירן שטודיעס אויף די געגנטער איבער די קאסטן פון רענט אא"וו. די געגנטער וואס זיי סערווירן, זעלבסט פארשטענדליך אז דאס איז נאר נוגע פאר איינוואוינער פון דאהי' אין אראנדזש קאונטי, אבער איינוואוינער פון ברוקלין דארפן דאס נישט אויספולן.

**פ: וועט קרית יואל אויך עפענען א וועיטינג ליסט פאר סעקשאַן 8 אין נאנטן צוקונפט?**

ע: לעת עתה איז נאך פאראן א לאנגע ליסטע פון מענטשן אויף דעם קרית יואל וועיטינג ליסט וואס ווארטן אויף סעקשאַן 8, און ווי פריער געזאגט רוקט זיך די ליסטע זייער פאמעליך, און די רעגירונג האט שוין לאנג נישט ארויסגעגעבן קיין פרישע סעקשאַן 8 "סלאַטס".

**פ: ווען האט די רעגירונג ארויסגעבן די לעצטע מאל פרישע סלאַטס?**

ע: די פעדעראלע רעגירונג האט שוין נישט ארויסגעגעבן קיין פרישע סעקשאַן 8 סלאַטס אין די לעצטע 11 יאר.

**פ: די רעגירונג באשטימט דאך יערליך אין זייער בודזשעט אסאך געלט פאר סעקשאַן 8?**

ע: אמת, עס ווערט באשטימט געלט פאר האוזינג, אבער דאס געלט איז נאר צו דעקן אלטע בודזשעטן און ווי אויך צו פארברייטערן און פארבעסערן פארשידענע סערוויסעס. עס ווערט אבער נישט באשטימט קיין געלט פאר נייע סעקשאַן 8 "סלאַטס".

**פ: ווען וועט די רעגירונג ארויסגעבן פרישע סלאַטס?**

ע: מען קען דאס נישט וויסן, ווייל נייע סעקשאַן 8 סלאַטס טייטלט מען נישט יעדן טאג ובפרט אין די יעצטיגע שווערע עקאנאמישע צייטן. אבער קרית יואל האט נאך קיינמאל נישט אראפגעלייגט די געוועור פון שתדלנות צו קענען באקומען פרישע סעקשאַן 8 וואוטשערס פאר תושבי קרית יואל.

***



בס"ד

VILLAGE OF KIRYAS JOEL

VILLAGE OF KIRYAS JOEL · INCORPORATED 1977 · ORANGE COUNTY, N.Y.

...Office Box 566, Monroe, NY 10949

...Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

נאך איין וואך פארבלייבן!

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
...Reisman

...יליכע מעלדונג!

דערמיט ווילן מיר מעלדן אז די

**מידעלטאון "סעקשאן 8" אפיס**

גרייט זיך נאכאמאל צו עפענען זייער

**"וועיטינג ליסטע"**

**פאר פרישע סעקשאן 8 אפליקאציעס**

ארויפצוגיין אויפ'ן "וועיטינג ליסטע" דארף מען אריינשיקן
א קורצע אפליקאציע, באגלייט מיט א proof of address.

די אפליקאציעס קען מען אריינשיקן במשך 2 וואכן

**פון מאנטאג פ' בא, Jan. 23 - ביז מאנטאג פ' יתרו, Feb. 6**

נאך די צוויי וואכן וועט פארקומען א גורל וואו עס וועלן זיין 3,500 געווינער, און ס'מאכט נישט אויס די סדר ווען מ'האט אריינגעשיקט די אפליקאציע. די געווינער וועלן איינגעמאלדן ווערן דורך די פאסט, און וועלן זיין אויף די וועיטינג ליסטע ביז עס וועלן ווערן עוועילעבל די "סעקשאן 8" סלאטס. עס קען נעמען עטליכע יאר.

**כדי צו פארגרינגערן פאר די חשוב'ע איינוואוינער שיחיו, וועט מען במשך די צוויי וואכן קענען באקומען די אפליקאציעס אין ווילידזש אפיס, וואו אונזער שטאב וועט שטיין גרייט אייך ארויסצוהעלפן דאס אויסצופילן אויפ'ן ריכטיגן וועג.**

פאר מער אינפארמאציע אדער הילף **במשך די 2 וואכן**, קענט איר אונז רופן אויף

**845-783-8300 EXT. 2**

מיט דאנק, די קאמיוניטי סערוויסעס אפיס

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reizman

# חמירא סכנתא מאיסורא

## אין ליכט פון עטליכע שרעקליכע אינצידענטן

טוען מיר נאכאמאל אויפמערקזאם מאכן
פאר די חשוב'ע דרייווערס אז

**די גאס פון גארפילד ראוד**

אנגעהויבן פון אוהעל קט. ביז דעם בנין מבצר הכוללים

**איז אויסדרוקליך נאר א ONE WAY**

מיט'ן פארן אויפ'ן פארקערטן ריכטונג, שטעלט איר אריין
אייך און אנדערע אין א סכנה ה"י!!!

עס זענען געלייגט געווארן ספעציעלע טאוולעך צו דערמאנען די דורכפארנדע

**עס איז דער אחריות פון יעדן איינעם בלי יוצא מן הכלל
אויסצופאלגן די אלע געזעצן**

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע

**די ווילידזש**

# פארשידענע אקטיוויטעטן חודש כסלו אין דעם היילינגן מוסד שערי חמלה

**די קינדער פרייען זיך מיט דעם יו"ט כ"א כסלו יום הצלת רביה"ק זי"ע**





**די קינדערלעך האבן צוזאמגעשטעלט א "באן" פון זיסווארג, לזכר פון דעם נס ההצלה**



**מען דאנקט און מען לויבט השי"ת על כל החסד**



**די קינדער זענען אויך געפארן אויף א "באן" לזכר הנס**

**הנרות הללו קודש הם, די ליכטיגע נשמה'לעך גרייטן זיך אויף חנוכה**





**ביים צוגרייטן א איגנארטיגע "מנורה" פון פארשידענע ממתקים**

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


-Transportation Department-

# וויכטיגע אויפמערקזאמקייט!

## מיר ווילן אויפמערקזאם מאכן דעם עולם
אז דורכאוים די ווינטער חדשים
**איז נישט ערלויבט צו פארקן אויף די גאסן אין קרית יואל**

ווען איר פארקט אויפ'ן גאס טוט איר דערמיט
**ארײנשטעלן אין א סכנה אייערע אייגענע קינדער**

- באסעם פארשפעטיגן צוליב דארפ'ן ארומפארן די קארס און **אייער** קינד ווערט קאלט ווארטנדיג פאר'ן באס.
- קינדער קענען ארויסלויפן אונטער געפארקטע קארס, וואס שטעלן מער אין סכנה **אייער** אייגן קינד.
- באסעם קענען נישט אריינפארן צו די דעד-ענד גאסן, און **אייער** קינד ווערט אראפגעלאזט פון באס 2 בלאקס אוועק פון אייער הויז.

ביטע באשיצט **אייערע אייגענע** קינדער

# פארקט נישט אויפ'ן גאס!

אויב אייער שכן פארקט אויפן גאס טוט ער דערמיט שטעלן אין סכנה **אייער** קינד.

מיט אכטונג

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# געריכט אין ווייט פלעינס וועט אנטשיידן וועלכער געריכט זאל אורטיילן איבער די דיסקרימינירענדע וואודבארי זאונינג געזעצן

(פארזעצונג פון זייט 2)

סעטלמענט צווישן קרית יואל מיט די קאונטי איבער די סוער אישוס, א קעיס וואס ליגט נאך דערווייל אין געריכט, און מען ווארט אויפ'ן פסק פונעם ריכטער.

אבער דאס ערגסטע פון אלעם האט וואודבארי געטון, מיט'ן איינשטעלן אין זייער נייעם ווילידזש אזעלכע זאונינג געזעצן וועלכע זענען קלאר געצילט קעגן קרית יואל, צו בלאקירן די וועד הקרי' און פריוואטע אידישע פראפערטי אייגענטומער פון קענען בויען "קרית יואל סטיל" הייזער אין זייערע גרעניצן.

די הנהלת הקרי' האט פרובירט בדרכי נועם דאס אפצושטעלן. די הנהלת הקרי', וואס פארמאגט שטחים אין זייערע גרעניצן, האט געשיקט בריוון צו די וואודבארי פירערשאפט, מ'האט זיך באטייליגט ביי זייערע פובליק הירינגען, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן. עס זענען אפילו געווען עטליכע פריוואטע פראפערטי אייגענטומער וועלכע האבן במשך די יארן געקלאגט די ווילידזש און וואודבארי אין געריכט פאר'ן פארלעצן זייערע רעכטן, אבער דאס אלעס האט נישט אפגעשטעלט דעם וואודבארי ווילידזש פון אנגיין מיט זייער מעסטער פלען, וואס איז קלאר געצילט קעגן דעם וואוקס פון קרית יואל.

די אלע שתדלנות און בריוון, אריינגערעכנט א ווארימער בריוו פונעם מעיאר מו"ה אברהם ווידער הי"ו, האט גארנישט געהאלפן, און מיט עטליכע חדשים צוריק האט די ווילידזש און וואודבארי עמטליך אדאפטירט די נייע זאונינג געזעצן.

ביז עס איז געקומען צו א פונקט ווען די הנהלת הקרי' האט איינגעזען אז ס'איז נישטא קיין צווייטע ברירה, און מ'דארף פרובירן אויף אלע אופנים אפצושטעלן די זאונינג געזעצן פון וואודבארי וואס האבן איין ציל פון "פן ירבה".

קרית יואל האט דערפאר אין די פארגאנגענע חדשים אריינגעגעבן א קלאגע אינעם סטעיט סופרים קאורט אין גאושען, ארויסברענגענדיג מיט קלארע באווייזן אז דאס גאנצע אפטיילן וואודבארי אלס א ווילידזש בכלל, און די נייע זאונינג געזעצן בפרט, זענען געצילט בלויז אז די אידישע לאנד אייגענטומער - וועלכע פארמאגן דארט די שטחים פון לאנגע יארן פריער - זאלן נישט קענען בויען קיין דירות אדער בתי מדרשים אויף זייערע אייגענע פראפערטיס.

היות דער קעיס איז אנגעקומען צום זעלבן ריכטער וואס באהאנדלט דעם "פייפליין" קעיס און דעם "סוער" קעיס, וועלכע האבן זיך בעבר אויסגעלאזט גינסטיג פאר קרית יואל, האט וואודבארי באשלאסן צו פרובירן זייער מזל ערגעץ אנדערש, און זיי זענען געקומען מיט א פארלאנג אז מען זאל אריבערפירן דעם קעיס צום פעדעראלן געריכט.

כדי צו פארשטיין זייער טענה איז וויכטיג די קורצע הקדמה: לויט'ן אמעריקאנעם געזעץ, קענען פעדעראלע פארלעצונגען געקלאגט ווערן סיי אין פעדעראלן געריכט און סיי און א סטעיט געריכט, אבער סיי וועלכע סטעיט פארלעצונג קען מען נאר אורטיילן אין א סטעיט געריכט.

קרית יואל האט געקלאגט וואודבארי פאר'ן עובר זיין אויףביידע קאנסטיטוציעס, מיט קלאגעס וואס געהערן סיי צו פעדעראלע און סיי צו די סטעיט געזעצן. דעריבער טענה'ט אצינד וואודבארי אז דער סכסוך באלאנגט אויסשליסליך אין פעדעראלן געריכט. אבער פון די אנדערע זייט טענה'ן די אדוואקאטן מצד קרית יואל, אז היות 80 פראצענט פון די טענות איז בנוגע סטעיט געזעצן דעריבער באלאנגט דאס יא אין די סטעיט געריכט.

אצינד ליגט דער געפעכט אויפ'ן טיש פונעם סאטערן דיסטריקט געריכט אין ווייט פלעינס וואס וועט אין די קומענדיגע וואכן אנטשיידן וואו מען זאל דן זיין אויף דעם קעיס.

קרית יואל גייט ווייטער פאמעליך בכוחו ובזכותו של אותו זקן רבינו הקדוש והטהור זי"ע, וואס האט אונז אויסגעטראטן דעם וועג וויאזוי צו האנדלען מיט די קעגנערשאפט פון די שכנים, און מען האנדלט פארזיכטיג און פארשטענדליך, צו אויספירן וואס עס פעלט זיך אויס פאר'ן כסדר'דיגן וואוקס פון קרית יואל. און מען איז מתפלל אויף ווייטער מען זאל קענען איבערקומען אלע שוועריגקייטן, און די שטאט זאל בליען און וואקסן לשם ולתפארת בית ישראל, ביז משיח'ס טאג.

# האָריקעין-געשעדיגטע בריקל ביים שאָרט-קאָט צווישן אָרשיווע און עיקערס גאַסן איבערגעמאַכט

(פארזעצונג פון זייט 2)

דערפון איז צוליב די בערג און טייכלעך וואס געפינען זיך אינדרויסן פון ווילידזש און זענען אויסגעשטאטעט מיט אלטע דרענידזש פייפס.

אלענפאלנס, טוען זיך באדאנקען די פילע איינוואוינער פון די ארומיגע גאסן און די צענדליגער טעגליכע באנוצער, פארן אהערשטעלן א פעסטן און דויערהאפטיגן שארטקאט, און האפן אז דער קאסטבארער פראיעקט זאל טאקע קענען דינען דעם ציל פאר לאנגע יארן בעז"ה.

בדרך שאדם רוצה לילך....



דער נייער איבערגעבויטער בריקל שוין נאכן איבערפלאסטערן דעם שארטקאט



שטארקע לעמפ באלייכטן די שארטקאטס אין די טונקלקייט פון די נאכט

# דויערהאפטיגע "רעילינגס" אינסטאלירט ביים שארטקאט צווישן העיס קאורט און פארעסט ראוד

(פארזעצונג פון זייט 2)

פאר די פיסגייער דורך אויספלאסטערן און מעינטענען די "שארטקאטס" אין קרית יואל וועלכע ווערן טעגליך באנוצט דורך הונדערטער פיסגייער, מענער פרויען און קינדער כ"י.

טראצדעם וואס די שארטקאטס זענען נישט דער אייגענטום פון די ווילידזש, טוט אבער די ווילידזש צושטעלן די סערוויסעס פאר די איינוואוינער, ווייל די שארטקאטס זענען א שטארקער טייל אין דעם טעגליכן גאנג פון די איינוואוינער צום ביהמ"ד, חדר און גראסערי וכדומה.

צווישן אנדערע טוט די "ווילידזש פובליק ווארקס" פוצן די שניי און לייגן זאלץ אויף אלע צענטראלע שארטקאטס אין שטעטל, ווי אויך ווערט צוגעשטעלט לעקטערס און פארשידענע מעינטענענס פאר דעם געברויך פון די איינוואוינער.

איינע פון די שטארק באנוצטע שארטקאטס אין שטעטל, איז דער דורכגאנג צווישן פארעסט ראוד קעגנאיבער עטרת זקנים, און העיס קארט. דער וועג ווערט באנוצט געווארן דורך אומצאליגע פיסגייער, יונג און אלט, ווי אויך מאמעס מיט קערידזשעס, וועלכע שפארן זיך איין דערמיט דאס דארפן ארומגיין פארעסט ראוד ביז גארפיעלד ראוד און צוריקקומען קיין טעילאר קארנער העיס קט.

פארגאנגענעם יאר האט די ווילידזש שיין אויסגעפלאסטערט דעם גאנצן וועג אויפ'ן פארלאנג פון די איינוואוינער און מיט די הסכמה פון די שכנים, אבער היות א טייל פונעם וועג איז א שטיקל בארג וואס ווערט שטארק גליטשיג אין די ווינטער חדשים, דעריבער איז געווען א סכנה זיך צו באנוצן דערמיט אום ווינטער ווען דאס פלאץ איז געווארן גליטשיג.

דער טייל וועג וואס געפינט זיך אויף די זייט פון פארעסט ראוד פארמאגט א געהעריגן צוים פון ביידע זייטן וואס דאס ערמעגליכט אז מען זאל זיך קענען אנכאפן בשעת'ן גיין ווען עס איז גליטשיג, אבער דער אנדערער טייל וועג צו די זייט פון העיס קט. האט נאכנישט געהאט קיין צוים, דעריבער שטייענדיג אין די ווינטער חדשים ווען עס האט זיך ארויסגעוויזן א פארלאנג דערפאר, האט דער ווילידזש אצינד אינסטאלירט א נייעם צוים ביי די שיפע בערגלעך ביי די זייט פון העיס קאורט פאר די זיכערהייט פון די איינוואוינער.

לשמרך בכל דרכיך.



די אלטע פייפ ווען עס איז נאך געווען אין דינסט

# געהויבענע קביעות מזוזה אויף 'בית הוראה' אין ביהמ"ד 'אהל פיגא' דקהל יטב לב

(פארזעצונג פון זייט 2)

אנדערע שעות פונעם טאג.

מיט עטליכע וואכן צוריק, איידער כ"ק מרן רבינו שליט"א האט פארלאזט די שטאט ארויספארנדיג אויף עטליכע וואכן אפרוה אין קאליפארניע, איז דער רבי געקומען קובע זיין א מזוזה אויפ'ן נייעם בית הוראה, און ממנה צו זיין דעם רב הביהמ"ד אלס מו"ץ, וואו עס האט זיך אנטוויקלט א לעבהאפטער הלכה שמועס בעניני מזוזה, דערנאך האט דער רבי קובע געווען די מזוזה מיט גרויס התרוממות.

דאן האט זיך דער ציבור געזעצט צו א שיינעם מסיבת לחיים, וואו דער רבי שליט"א האט ווארעם אנגעוואונטשן פאר'ן רב ומו"צ שליט"א אז ער זאל מצליח זיין לדון ולהורות בדבר ה' זו הלכה, און מרים זיין דעם כבוד ביהמ"ד כראוי.

באזונדער האט דער רבי שליט"א געוואונטשן הצלחה פאר די חברי הנהלת הביהמ"ד און פאר די גבאי הביהמ"ד, ובפרט פאר הרבני הנגיד הנדבן הנכבד הרב שלמה משה קלאגסברוין שליט"א יו"ר הנהלת הביהמ"ד.

די מסיבת התמנות וקביעות מזוזה איז געווען א שטארקער חיזוק פאר די מתפללי ביהמ"ד און פאר די הנהלה וואס לייגן אריין אזויפיל כוחות להצלחת הביהמ"ד וואס איז היינט א תל תלפיות פאר די גאנצע געגנט, און גלייכצייטיג האט דער ציבור מתפללי ביהמ"ד געהאט די געלעגנהייט זיך צו געזעגענען פון רבי'ן שליט"א על אם הדרך.

# א בליק אין קרית יואל



אין ביהמ״ד ברך משה אויף ד. א. ווידער בל. ווערט אין די טעג באצירט די ווענט מיט הערליכער מארמארשטיין



שארטקאט פון פילמאר צו טעילאר געווארן איבערגעפלאסטערט




די אפיסעס פון ״ווילידזש קאמיוניטי סערוויס״ איז ספעציעל צוגעגרייט געווארן ארויסצוהעלפן מיט די סעקשן 8 אפליקעישן




לעקטער ווערט אריינגעצויגן אין די נייע ״פאבליק סעיפטי שבת סטעישענ׳ס״



די גאנצע אוהעל גאס איז פריש איבערגעפלאסטערט געווארן נאכן ווערן אויסגעברייטערט מיט עטליכע חדשים צוריק



# בריוו פון תושבי הקרי'



## דרוקט אויס דאַנק איבער לעזונג צו צי ליכטיגע גאַסן לעמפּ פּראָבלעם

אל כבוד מערכת פונעם אויסגאַבע די הקריה

איך וויל אויסדרוקן מיין שעצונג פאַר די ווילידזש פירער פאַר'ן אַדרעסירן אונזער פּראָבלעם און דאָס פאַרריכטן צום צופרידנהייט פון די שכנים.

ווי באַקאַנט האָט מען געבויט דעם "פּאַרק ענד רייד" אויף בעיקערטאַון ראָוד ביים אַריינפאָרן צום שטאָט, און דאָס אויסגעשטאַט מיט הערליך-דעקאָראַטיווע גאַסן לעמפּ. עס איז אַ פּראַכט פאַר קרית יואל אַז מען האָט אַהערגעשטעלט אַזאַ שיינעם פּראָיעקט. די לעמפּ דינען אויך אַלס פּאַסיגע ברוכים הבאים פאַר אידן וואָס קומען אָן קיין קרית יואל, עס איז אַ ליכטיגע באַגריסונג, און דינט אויך פאַר די זיכערהייט פון פּיסגייער, די פּאַרקינג לאַט באַנוצער, און די וואָס וואַרטן דאָרטן אויף היטשעס און ביים באָס סטאַפּ.

אויך ברענגט דאָס אַז די גוי'אישע פאַרברעכערישע עלעמענטן זאָלן ניטאַמאָל קלערן אַז מען קען זיך צושאַרן צו די פּאַרקירטע אויטאָס און מאַכן גניבות. בכלל ווען טונקעלע עלעמענטן פאָרן דורך דעם "פּאַרק ענד רייד" און זען די קאַמעראַס און די באַלויכטענע אַטמאָספערע פארגייט זיי דעם אַפּעטיט פון טראַכטן אָפּצוטאָן טונקעלע מעשים.

אָבער, נישט יעדער האָט געקענט אויסהאַלטן די גרויסע אורות, דהיינו, פאַר אונז די איינוואוינער פון טבריא, וואָס די בעק פון די דירות גרעניצן זיך מיט'ן ראָוד, זענען די ליכטיגע גאַסן לעמפּ געווען אַ שטער, עס האָט שטאַרק אַריינגעשיינט אין די שלאָף צימערן און האָט נישט געלאָזט די קינדערלעך איינשלאָפן.

מיר האָבן אַריינגערופן אין ווילידזש אָפּיס, און גערעדט מיט'ן קאָסטומער סערוויס פאָרשטייער, הר"ר אהרן שמואל שרייבער שליט"א, און איבערגעגעבן דעם פּראָבלעם, און ביז געציילטע וואָכן זענען אַראָפּגעקומען פאַכלייט און האָבן אינסטאַלירט אויף די גאַסן לעמפּ ספּעציעלע "שעידס" וועלכע האָבן עלימינירט דעם פּראָבלעם, און דער שיין ווערט געקירעוועט נאָר וואו עס דאַרף צו זיין, און נישט אין ריכטונג פון די הייזער, און אַזוי קענען די קינדער שלאָפן רואיג.

איך שליס דעם בריוו מיט אַ האַרציגן יישר כוח פאַר'ן שנעל און צייטליך אונז העלפן איבער דעם פּראָבלעם.

מיט דאַנק
אייער פריינט

ש. ר.

**

## ר' איד? וואָס האָט איר אויפגעטאָן מיט'ן מאַכן גרידלאַק דורך "בלאַקן די באַקס"?

אל כבוד מערכת פונעם צייטונג הקריה

איך וואָלט געוואָלט אַדרעסירן דעם יחיד, אָדער בעסער געזאָגט די יחידים וועלכע זענען גורם אַ שווערן גרידלאַק טראַפּיק אין די פארנומענע צייטן ווי למשל פאַרגאַנגענעם מנחה-מעריב אין די ימי חנוכה.

געוויס דאַרף מען נישט פאַר'ן עולם דרייווערס דאָ אין שטאָט פאַרציילן איבער דעם שווערן טראַפּיק פּראָבלעם ביים צוזאַמטרעף פון פאַרעסט ראָוד, העיס קאָורט און גאַרפיעלד ראָוד, ספּעציעל אין די צייטן פון מנחה-מעריב ווען עס שטראָמען פילע אויטאָס אין די זעלבע צייט אָנצוקומען צום בית המדרש הגדול.

ווי איך ווייס איז דאָס אַן אַנערקענטער פּראָבלעם אין די ווילידזש קאָרידאָרן, און איז שוין אדרעסירט געווארן עטוואס מיט א צייט צוריק ווען מען האט צעטיילט דעם ארויסגאנג לעין פון גארפיעלד ראוד אויף צוויי, עקסטער צו פארן רעכטס צו סאטמאר דרייוו, און אַן עקסטערן לעין ארויסצופארן לינקס צו פארעסט.

אָבער דאָס וואָס פּאַסירט - און אין די פאַרגאַנגענע ימי חנוכה ביי מנחה-מעריב נאכמער - האָט אַלעס איבערגעשטיגן, און שולדיג דערינען זענען מאַנכע יחידים, וואס זיך יאָגנדיג שטעלן זיי זיך אריין אינעם "טראַפּיק באַקס" און בלאָקירן דעם גאַנצן טראַפּיק פון אַלע פיר זייטן, און מאכן זיכער אַז "גם לי גם לך לא יהיה", קיינער קען טאַקע נישט פאָרן און אויך נישט זיי אַליין.

דהיינו, מאַנכע, ביים שטיין אויף פאַרעסט ראָוד זיך איינצודרייען לינקס צו העיס קאָורט, נעמען זיך צו פאָרן אַריין אינעם "טראַפּיק באַקס" כאָטש זעענדיג אַז זיי קענען דאָס נישט דורכמאַכן צו די אַנדערע זייט צוליב דעם אָפּגעשטעלטן טראַפּיק אַריין ביז צום ביהמ"ד הגדול, און דערמיט פּאַראַליזירן זיי דעם פּאַרקער, און ווען די טרעפיק ליכט ווערט גרין פאַר די אַרויספאָרנדע פון העיס קאָורט קענען זיי נישט אַרויספאָרן, און אַזוי ווערט דער גאַנצער טראַפּיק פאַרהאַמעוועט.

דאָס זעלבע פּאַסירט אויפ'ן אַנדערן ריכטונג, מאַנכע ווילן זיך אַרויפדרייען לינקס צו סקאָנענמאָנק ראָוד, און דערפאַר בלאָקירן זיי דעם טראַפּיק וואָס קומט צו פאָרן אַראָפּ אויף פאַרעסט ראָוד, אָבער זיי קענען נישט ממשיך זיין וואָרום דער טראַפּיק האָט זיך נישט גערירט אויף סקאָנענמאָנק ראָוד, אַזוי בלייבט יעדער שטיין מיט עגמת נפש.

איך וויל מיט די שורות דערמאַנען די יעניגע דאָס וואָס זיי האָבן זיכער שטודירט אינעם טראַפּיק בוך פאַר'ן באַקומען דרייווערס לייסענס, אַז "מען טאָר נישט בלאָקירן דעם טראַפּיק באַקס", און אַז מען טוט דאָס יאָ איז דאָס אַ פאַרלעצונג אויף וואָס מען קען באַקומען אַ שטראָף. דוכט זיך אַז אין ניו יאָרק סיטי ווערט מען באַשטראָפט מיט $200 פאַר'ן "בלאַקן דעם באַקס", און דאָס איז מעשים בכל יום אַז מענטשן ווערן באַשטראָפט צוליב דעם.

דעריבער, איידער איר פאָרט אַריין אינעם "טראַפּיק באַקס" אין די פאַרנומענע צייטן, מאַכט זיכער אַז איר קענט דאָס גענצליך דורכפאָרן און פריי מאַכן דעם וועג פאַר די אַנדערע טראַפּיק שטרעמונגען.

מיט דאַנק
אייער פריינט.

א.ג.

# רואה ואינו נראה...

**כאטש "איר זעט" די קאר ביינאכט,**
**זעט אבער דער דרייווער אייך "נישט"!**

**דעריבער, היט אייך דאס אייגן לעבן,**
**און טוט אָן א רעפלעקטאר, כדי**
**דער דרייווער זאל אייך קענען זען!**

## מעלדונג!

**אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן,**
**עצות און קאמענטארן ווי אזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע**
**אדער אויב איז אונזער אויסגאבע נישט אנגעקומען צו אייך אדער באקאנטע**

**ביטע פעקסט אריין אויף:**

**774-7945**

**אדער שיקט אריין אויף די פאסט:**

**Hakiryah 3 Chevron Rd. # 3-A, Monroe, NY 10950**

**אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג**

מיט שעצונג
**די רעדאקציע**



# LOCAL ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 9:00 AM until 6:30 PM
**Friday:** from 9:00 AM until 1:00 PM - **Summer Months:** until 2:00 PM
**Sunday Winter Months:** from 10:00 AM until 6:30 PM
**Sunday Summer Months:** from 11:00 AM until 6:30 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

### ODD HOURS
**9:00-11:00-1:00-3:00-5:00**

| Stop | Time |
|---|---|
| Toltchav by Dinev | :00 |
| Kahan by I. Zupnick | |
| I. Zupnick by Acres | |
| Acres by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Krolla | |
| Forest by Mountain | :05 |
| Forest by Senior Citizens | |
| Keren Vayoel Moshe | |
| Shopping Center | :09 |
| Forest by Quickway | |
| Rimenev by Quickway | :10 |
| Van Buren by Garfield | |
| Garfield by Hayes | |
| Schunnemunk by Forest | |
| Liznsek (Drop Off) | |
| Koznits | |
| D.A. Wieder | :15 |
| Seven Springs | |
| Mountain View | |
| Ruzhin | |
| Krakow | :20 |
| Mezabish | |
| Nickelsburg & Tzfas | :23 |
| Chevron (Aishes Chayil) | |
| Taitch | :25 |
| Volova & Sasev | |
| Mountain & Karlin | |
| Shopping Center | :35 |
| Garfield | |
| Forest by Senior Citizens | |
| Forest by Mountain | |
| Acres - Krolla | |
| Acres & Lemberg | :38 |
| Acres - Satmar | |
| Zupnick | |
| Meron by Kahan | :40 |
| Meron (Filmore-Kalev Short cut) | |
| Leipnik & Tevrya | |
| Bussines Center | :42 |
| Girl's School - I. Zupnick | |
| Kahan by I. Zupnick | :45 |
| I. Zupnick by Acres | |
| Acres by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Krolla | :48 |
| Acres by Forest | |
| Shopping Center | :00 |

### EVEN HOURS
**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

| Stop | Time |
|---|---|
| Shopping Center | :00 |
| Forest by Quickway | |
| Rimenev by Quickway | |
| Van Buren by Garfield | |
| Garfield by Hayes | |
| Taylor by Boy's School | |
| Hayes by Forest | :05 |
| Forest by Senior Citizens | |
| Forest by Mountain | |
| Krolla by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Acres | :09 |
| Acres by Israel Zupnick | |
| Getzel Berger | |
| Meron (Filmore-Kalev Short cut) | :10 |
| Leipnik & Tevrya | |
| Bussines Center | :13 |
| Israel Zupnick by Kahan | :15 |
| Israel Zupnick by Acres | |
| Acres by Lemberg | |
| Acres by Krolla | |
| Mountain & Karlin | |
| Sasev & Volova | :18 |
| Taitch | |
| Chevron (Aishes Chayil) (Drop Off) | :20 |
| Nickelsburg & Tzfas | |
| Mezabish | |
| Krakow | :25 |
| Ruzhin | |
| Mountain View | |
| Seven Springs | |
| D.A. Wieder | :30 |
| Koznits by Schunnemunk | |
| Keren Vayoel Moshe | |
| Shopping Center | :40 |
| Rimenev by Quickway | |
| Van Buren by Garfield | |
| Garfield by Hayes | |
| Forest by Acres | |
| Satmar by Krolla | :45 |
| Satmar by Hayes | |
| I. Zupnick by G. Berger | :48 |
| Getzel Berger | |
| Kahan by I. Zupnick | |
| Toltchav by Dinev | :00 |

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL
## BUS TRANSPORTATION SCHEDULE
(845) 783-8300 x14

# WALMART ROUTE
## TOWN ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 10:00 AM until 7:15 PM
**Friday:** from 10:00 AM until 2:00 PM **Summer:** 3:00
**Sunday:** from 11:00 Am until 6:00 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

### ODD HOURS
**11:00-1:00-3:00-5:00-7:00**

| Stop | Time |
|---|---|
| Shopping Center | :00 |
| Forest by Quickway | |
| Rimenev by Quickway | |
| Van Buren by Garfield | |
| Garfield by Hayes | |
| Taylor by Boy's School (Drop Off) | |
| Hayes by Forest | :05 |
| Forest by Senior Citizens | |
| Forest by Mountain | |
| Forest by Acres | |
| Krolla by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Acres | :08 |
| Acres by Israel Zupnick | |
| Israel Zupnick by Kahan | |
| Girl's School-Bakertown | |
| Toltchav by Dinev | :13 |
| Park & Ride | :15 |
| Target | :18 |
| Wal-Mart | :20 |
| Spring St. | |
| Main by Franklin St. | |
| D.A. Wieder | :30 |
| Schunnemunk | |
| Keren Vayoel Moshe | |
| Shopping Center | :40 |
| Seven Springs | |
| Mountain View | |
| Ruzhin | |
| Krakow | |
| Mezabish | |
| Nickelsburg & Tzfas | :45 |
| Volova & Sasev | |
| Mountain & Karlin | |
| Acres | |
| Acres & Lemberg | :48 |
| Bakertown | |
| Toltchav by Dinev | :00 |

### EVEN HOURS
**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

| Stop | Time |
|---|---|
| Toltchav by Dinev | :00 |
| Israel Zupnick | |
| I. Zupnick by Kahan | |
| I. Zupnick by Acres | |
| Acres by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Krolla | |
| Acres by Forest | |
| Forest by Mountain | :05 |
| Mountain & Karlin | |
| Sasev & Volova | |
| Taitch | |
| Chevron (Aishes Chayil) | |
| Nickelsburg & Tzfas | |
| Mezabish | |
| Krakow | :08 |
| Ruzhin | |
| Mountain View | |
| Seven Springs | |
| Schunnemunk | |
| Keren Vayoel Moshe | |
| Shopping Center | :15 |
| Van Buren by Garfield | |
| Rimenev by Quickway | |
| Forest by Quickway | |
| Forest by Preshburg | |
| Forest by D.A. Wieder | :16 |
| 17-M | |
| Lake Rd. (Drop Off) | |
| Stage Rd. | |
| Spring St. | |
| Target | :27 |
| Wal-Mart | :30 |
| Toltchav by Dinev (Drop Off) | |
| Meron-leipnik | :40 |
| Kahan by Israel Zupnick | :45 |
| Israel Zupnick by Acres | |
| Acres by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Krolla | |
| Acres by Forest | :50 |
| Forest by Mountain | |
| Forest by Senior Citizens | |
| Shopping Center | :00 |

# WOODBURY COMMON

**The route operates Monday through Thursday:**
from 9:15 AM until 6:20 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

### ODD HOURS
**9:30-11:30-1:30-3:30-5:30**

| Stop | Time |
|---|---|
| Shopping Center | :30 |
| Forest by Quickway | |
| Rimenev by Quickway | |
| Van Buren by Garfield | |
| Garfield by Hayes | |
| Hayes by Forest | |
| Forest by Senior Citizens | |
| Forest by Mountain | :35 |
| Forest by Acres | |
| Krolla by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Acres | |
| Acres by Israel Zupnick | |
| Israel Zupnick by Getzel Berger | |
| Getzel Berger | |
| Getzel Berger by Kahan | :40 |
| Girl's School - Israel Zupnick | |
| Toltchav by Dinev | :42 |
| Bakertown | |
| Park & Ride | |
| Dundenberg | |
| Rt. 32 (Drop Off) | |
| **Woodbury Common** (Shortline Bus Stop) on the Even hours | :00 |
| Dundenberg | |
| Spring St. | |
| Main St | |
| Franklin Av. | |
| D.A. Wieder | :11 |
| Toby | |
| Mountain View | |
| Ruzhin | |
| Krakow | |
| Mezabish | |
| Nickelsburg & Tzfas | |
| Chevron (Drop Off) | :15 |
| Taitch | |
| Volova & Sasev | |
| Mountain & Karlin | :18 |
| Forest | |
| Forest by Senior Citizens | |
| Shopping Center | :30 |

### EVEN HOURS
**10:30-12:30-2:30-4:30**

| Stop | Time |
|---|---|
| Shopping Center | :30 |
| Forest by Quickway | |
| Forest by Preshburg | |
| D.A. Wieder | :31 |
| Toby & Mountanview | |
| Ruzhin | |
| Krakow | |
| Mezabish | |
| Nickelsburg & Tzfas | :35 |
| Chevron (Aishes Chayil) | |
| Taitch | |
| Volova & Sasev | |
| Mountain & Karlin | |
| Forest by Acres | :38 |
| Krolla by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Acres | |
| Acres by Israel Zupnick | :40 |
| Israel Zupnick | |
| Kahan | |
| Meron (Filmore-Kalev Short cut) | |
| Leipnik & Teverya | |
| Park & Ride | :42 |
| **Woodbury Common** (Shortline Bus Stop) on the Odd hours | :00 |
| Dundenberg | |
| Park & Ride | |
| Lipnick & Teverya | :06 |
| Meron (Filmore-Kalev Short cut) | |
| Kahan | |
| Israel Zupnick by Kahan | |
| Toltchav by Dinev | :10 |
| Girl's School, Bakertown | :15 |
| Israel Zupnick by Getzel Berger | |
| Acres by Israel Zupnick | |
| Satmar by Acres | |
| Satmar by Siget | |
| Satmar by Hayes | |
| Krolla by Satmar | |
| Forest by Acres | |
| Forest by Mountain | :18 |
| Forest by Senior Citizens | |
| Shopping Center | :30 |

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL
## TRANSPORTATION DEPARTMENT
# טיקעט אינפארמאציע

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די חשוב'ע רייזענדע, אז מיר האבן צוגעשטעלט טיקעט ביכלעך**
**פאר'ן באקוועמליכקייט פון די רייזנדע, וואס וועט ערמעגליכן צו באקומען בעסערע פרייזן,**
**און נישט קיין חילוק וויפיל געלט איר האט וועט איר שטענדיג קענען באצאלן פאר א ביכל:**

**פאר $2**
באקומט איר טשעינדזש 50 צענט טיקעט, וואס איר קענט נוצן קומענדיגע מאל מיט א דאלאר.

**פאר $5**
באקומט איר א ביכל פון 3 טיקעטס און א 50 צענט טיקעט

**פאר $10**
באקומט איר 2 פון די $5 ביכלעך

**פאר $15**
באקומט איר א ביכל פון 11 טיקעט'ס. - ד.ה. אז איר באקומט איין טיקעט אומזינסט

**פאר $20**
באקומט איר א $15 ביכל מיט א $5 ביכל ד.ה. אז איר באקומט איין טיקעט אומזינסט

**פאר $30**
באקומט איר א ביכל פון 23 טיקעטס ד.ה. אז איר באקומט 3 טיקעטס אומזינסט




**אויב פארט איר קיין**
**וואודבערי קאמען** אדער **וואל מארט**
דאן צאלט נאר
**$2.60** (2 טיקעט'ס)
**אנשטאט $3**

**קויפט א $30 ביכל**
און צאלט נאר
**$1.30 פער טיקעט**
אנשטאט $1.50

**אכטונג!**
**מאכט זיכער אז איר באצאלט אייביג,**
**און איר בלייבט נישט שולדיג**
**און נישט מיט קיין קרעדיט**

מיט דאנק
**ווילידזש טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# געדענקט:
**אז איר ווילט זיך שפארן $4.50,**
**קויפט די $30 ביכל,**
**וואו איר באקומט 3 טיקעטס אומזיסט.**

**וואודבארי-קאמען רוט/וואל-מארט רוט:**

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $3.00 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | $1.50 |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

**לאקעל רוט / טאון רוט:**

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $1.50 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | 75 סענט |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

**אכטונג!**
דער דרייווער האט נישט צו געבן קיין טשעינדזש פון קיין שום סכום, בלויז טיקעט.
די ביכלעך קענט איר אליינס נוצן אדער אוועקגעבן פאר א צווייטן, און ס'עקספייערט נישט.

אין חגאות, אדער אין א שלעכטע וועטער
רופט: 2-4-1 783-8300
פאר סקעדזשול טוישונגען

# מלוה מלכה ומסיבת הכרת הטוב פאר די איבערגעגעבענע
# וואלאנטירן פון "חברה מצילי אש" פארגאנגענעם מוצש"ק ויחי



דער עולם זיצט פארגאפט ביי די דרשה פונעם גאסט רעדנער
הר"ר אהרן ארי' אייזנבערג נ"י



דער חשובער מעיאר וראה"ק הרהח ר" אברהם ווידער נ"י ביי זיין דרשה



ר' יושע בלומענטאל נ"י קרית יואל פייער טשיף ביי זיין דרשה



ווילידזש אדמיניסטראטאר ר' גדלי סעגעדין נ"י מכובד מיט ברכת המזון



מען גרייט אן די סעודת מלוה מלכה



מען טיילט אויס א מתנה פאר די חשובע וואלאנטירן

**KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT**

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

**TRANSPORTATION DEPARTMENT**

בס"ד

# ונשמרתם מאד לנפשותיכם

שטייענדיג אין די ווינטער חדשים ווען די סקול באסעס
קורסירן אין די גאסן ווען עס איז שוין טונקל

**טוען מיר נאכאמאל דערמאנען און אויפפאדערן
דעם גאנצן ציבור, מענער און פרויען, יונג און אלט**

# צו גיין מיט א רעפלעקטאר!

**ס'איז ממש סכנת נפשות עס צו פארנאכלעסיגן!**





אין די טונקלקייט פון די נאכט איז ממש
אוממעגליך צו באמערקן קינדער און אפי' ערוואקסענע
וואס גייען נישט מיט קיין ריפלעקטאר

**ספעציעלע בקשה צו די עלטערן:**

עס איז אייער פליכט און אחריות צו מאכן זיכער אז די קינדער
גייען אנגעטאן מיט רעפלעקטארס אויף זייערע מאנטלען.

וה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום

מיט דאנק

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**